ספר

# ארחות צדיקים

דאָס הייליגע ספר לערנט דעם מענש וויא אַזוי ער זאָל זיך אויף פיהרען, עס ווייזט איהם וואָס דער סוף איז פון אַלע שלעכטע מדות, און וויא גוט און שעהן עס איז אַז מען האָט אין זיך גוטע מדות, דאָס ווירד אַלעס קלאָר און ריין בעוויעזען מיט קלוגע און פערשטענדיגע ווערטער און שטאַרקע ראַיות פון דער הייליגע גמרא און פון דעם מדרש, און ווער עס וועט האַלטען וואָס אין דעם ספר שטייט, וועט האָבען גרויס נחת און פיעל פרייד:

כל הזכויות שמורות אצל

הוצאת אמונה

© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

**EMUNA PUBLISHING**
**142 Rodney Street**
**Brooklyn, N.Y. 11211**
**388-8812 — 384-0002**

**4**

# הקדמה.

**ונאום הגבר הוקם על משיח אלהי יעקב ונעים זמירות ישראל: רוח יי דבר בי ומלתו על לשוני: אמר אלהי ישראל וגו׳:**

דיא פסוקים האט דוד המלך ע״ה געזאגט ווייל ער שרייבט אין תהלים הן בעון חוללתי ובחטא יחמתני אמי. דאס איז טייטש דער מענש מוז זינדיגען ווייל דער יצר הרע פירט איהם פון דער יוגענט אן נאך זיינע עצות דא וועט דער מענש מיינען דאס איז איין תירץ פאר גאט ב״ה אויף זיינע עבירות, דרום שרייבט דוד המלך ע״ה אז דאס איז קיין פרענפער ניט דען גאט ב״ה האט דעם מענשן דרום דיא תורה גיגעבען דערמיט קאן ער דעם יצר הרע פון זיך אוועקטרייבען וויא דיא גמרא זאגט ווען דיך דער יצר הרע באגעגינט אונ רעט דיך אן צו עבירות זעטץ דיך לערנען מוז ער פארט געהן, אבער דער מענש זאל זיך ניט איינרעדען דאס דער יצר הרע איז שטארקער פון מיר, דרום האט דוד המלך ע״ה מיט דיא ווערטער דאס פעווארנט אונ זאגט צדיק מושל ביראת אלהים, דאס איז טייטש גאט זאגט צו מיר, דער צדיק קאן מושל זיין איבער דען יצה״ר דען דיא תורה איז מציל דעם מענשען פון עבירות אז ער בדענקט זיך וואס אין דער תורה שטייט דיא גרויסע שטראף וואס עס קומט אויף איטליכע עבירה דא גלויבט איהם ניט עבירות צו טוען, מוז דער יצר הרע פון איהם אוועקגעהן. אבער ווייל דאס ספר אורחות צדיקים איז געמאכט אויף לשון קודש וואס ווער קיין למדן איז פרשטיים קענען ניט דרום האב איך דאס איבערזעטצט אויף עברי טייטש אז איטליכער זאל וויסען וואס אין דעם ספר שטייט:

# ארחות צדיקים

## א) שער הגאוה.

דיעזער שער רעד פון דער נארישער גאוה, ווייל דיא מדה גאוה ברענגט דעם מענש צו אלעם בייזין:

אדם, דער מענש וואס גאוה ברויכט צירט זיך מיט שיינע קליידער אונ האלט זיך בגאוה דער מיט, אונ ווען ער זעהט איין ארימאן וואס פערמאג ניט זיך אזו צו קליידען וויל ער מיט אים ניט רעדין אונ שעמט זיך מיט אים אונ פערגעסט וואס דיא תורה האט אן געשריבען בייא דעם מלך: ישראל לבלתי רום לבבו אז דער מלך טאר זיך ניט הויך האלטען קעגען אנדערע יודען נאר זאל גלייך זיין מיט אלע מענשען מכל שכן וויא טאר זיך איין פשוטער מענש בגאוה האלטין, אונזערע חכמים שרייבען אז גאט זאגט איך מיט דעם בעל גאוה קאן ניט אין איין וועלט וואנען בענאנד, אונ ווער גאוה טרייבט הייסט גלייך אז ער איז כופר אין גאט, נוא לאמר זעהן ווען איינער שמד זיך ווי אגרויסע חרפה עס איז פאר דיא גאנצע משפחה, אונ ווען ער בגאוה איז רעכינט די גמרא אויך ווי גשמד אונ די לייט פרעגין דער נאך ניט אונ ווער האפערדיג איז מאכט אים גאט נידריג אונ שטייט ניט אויף קיין תחיית המתים, דען האפערדיקייט איז דאס קלייד פון גאט דאס קומט צו קיין מענש ניט, דאס ברענגט צו אלעם בייזען אונ צו קריג מיט לייט אונ עס איז קיינר אים גלייך אונ עס גיפעלט אים אלץ ניט, נאך זיין גאוה נאך ברויך ער מער וויא אלע מענשען, אבער גיין אין צעריסענע קליידער דאס איז אויך ניט רעכט, אמענש קער צו גיין ריין אונ גאנץ נאך זיין פערמעגען, אויך זיין בעט אונ זיין גיפעס זאל אלץ ריין זיין, ער זאל ניט גאנץ הויך פירען אונ ניט גאנץ נידריג אונ אלץ זאל זיין לשם שמים. מיר פינדען ביי הלל הזקן ווי ער האט אפגילערינט מיט די תלמידים איז ער אוועק גיגאנגען, דא פרעגין אים די תלמידים רבי ווי גייט איר, זאגט ער איך גיי אמצוה טוען

איך

איך וויל מיך בָּאדין אין מֶרְחָץ. זָאגין דיא תַּלְמִידִים צוּ אִים וָואס איז דָאס פַאר אַמִצְוָה, זָאגְט עֶר צוּ זֵיי איך וָועל אַייך אַמָשָׁל זָאגִין, וָוען דֶער קֵיסַר לָאזְט אָפְּמָאלִין זַיין צוּרָה אוּנ גֶעט דָאס גֶעמֶעל זַיין קְנֶעכְט אִין דִי הֶענְד אַרַיין דָא מוּז עֶר פִּילֶעווִין אוּנ אַלֶע טָאג אָפּ קֶערִין עֶס זָאל דְרוֹיף קֵיין שְׁטוֹיב נִיט פַאלִין. דָאס אִיז דָאך אַמֶענְשֶׁן גִימֶעל. מִכָּל שֶׁכֵּן מִיר זֶענֶען בַּאשַׁאפִין גֶעוָוארִין אִין גָאטְס פָּארִים וְויא זָאל אִיך גָאטְס פָּארִים נִיט שׁוֹיגֶען אוּנ וַואשֶׁען. דָא קָאן מֶען זֶעהִן וָוען אֵיינֶער וְויל זִיךְ יוֹא צִירֶען זָאל עֶר נָאר טוּעֶן פוּן גָאטְס וֶועגֶען אוּנ נִיט פוּן זַיין הֲנָאָה וֶועגֶען אָדֶער פוּן גַאֲוָה וֶועגֶען:

דִיא גַאֲוָה אִיז גֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי טֵייל. אֵיין טֵייל אִיז גוּט אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע טֵייל אִיז שְׁלֶעכְט. דָאס טֵייל וָואס בֵּייז אִיז וָוען עֶר אִיז מְבַזֶּה אַלֶע מֶענְשֶׁען אִין זַיין זִינֶען. אוּנ וָוען עֶר הֶערְט אֵיינֶעם לוֹיבֶּען פַאר אַלַמְדָן אָדֶער אַחָכָם דָא זֶעהְט עֶר דְרִינֶען אַרַיין צוּ וַוארְפִין אַפְּגַם. אוּנ וְויל נִיט בֶּעקֶענֶין דֶעם אֱמֶת. אוּנ וָוען עֶר לֶערִינְט אָדֶער עֶר טוּט אַמִצְוָה טוּט עֶר נָאר מֶען זָאל אִים לוֹיבֶּען אוּנ נִיט לְשֵׁם שָׁמַיִם. דָאס אִיז גְלַייךְ וָוען אֵיינֶער גוּט עֶסֶען קָאכְט מִיט אַלֶערְלַייא בְּשָׂמִים אוּנ לָאזְט עֶס אָנְבְּרֶענֶען אָדֶער טוּט זֶעהְר פִּיל זַאלְץ אַרַיין וָואס מֶען קָאן עֶס נִיט עֶסִין. דָאס אִיז אַבֵּייזֶע מִדָה דֶער פַאלְט אִין גֵיהִנָם אַרַיין. אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים שְׁרַייבֶּען וָוען מֶען אֵיינֶעם כָּבוֹד טוּט וָואס מֶען הַאלְט אִים עֶר הָאט גֶעלֶערִינְט פִּיל זָאל עֶר שְׁפְּרֶעכֶען צוּ זֵיי עֶס אִיז נִיט אַזוֹ ווִי עֶטְץ מֵיינְט. חָאטְשֵׁי עֶר הָאט יָא גֶעלֶערִינְט זָאל עֶר זִיךְ נִיט לָאזִין כָּבוֹד אָנְטוּעֶן. מִכָּל שֶׁכֵּן וָוען עֶר נִיט אַזוֹ פִּיל גֶעלֶערִינְט הָאט אוּנ דֶער עוֹלָם מֵיינְט עֶר הָאט יָא גֶעלֶערִינְט זָאל עֶר זֵיי זָאגֶען דֶען אֱמֶת אַז עֶר נִיט אַזוֹ אַלַמְדָן אִיז וְויא זֵייא מֵיינֶען דֶען דָאס אִיז אַלֶץ מַעֲשֶׂה יֵצֶר הָרַע. עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען. אַמָאל הָאט אַשְׁטַארְקֶער מֶלֶךְ אַמִלְחָמָה גֶעוואוּנֶען ווִי עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אִיז עֶר זֶעהְר לוּסְטִיג גֶעצוֹיגֶען הָאט אִים אֵיין חָכָם בֶּעגֶעגֶענְט אוּנ זָאגְט צוּ אִים דוּא הָאסְט עֶרְשְׁט אַקְלֵיינֶע מִלְחָמָה אַיינְגֶענוּמֶען אָבֶּער דוּא הָאסְט נָאךְ פַאר דִיר אֵיין גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה. דָאס אִיז דֶען יֵצֶר הָרַע גוֹבֵר צוּ זַיין. דֶען אַלֶע מִלְחָמוֹת

אַז דֶער שׂוֹנֵא וֶועט אַז מֶען אִיז אִים גוֹבֵר טְרֶעט עֶר אָפּ פוּן צוּ קְרִיגֶען, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע וֶוען דוּא וֶועסְט אִים וִויא פִיל מָאל מַדְחֶה זַיין וֶועט עֶר פָארְט נִיט וֶועק גֵיין, אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגִין דוּ זָאלְסְט אִין דִיר נִיט גְלֵייבֶּען בִּיז אָן טוֹט אַרַיין, דֶען דֶער יֵצֶר הָרַע לָאקֶערְט אוֹיף דִיר בִּיז דוּא שְׁטַארְבְּסְט, דִיךְ צוּ פַאנְגֶען אִין זַיין נֶעץ אַרַיין אוּנ וֶועט צוּ דִיר זָאגִין זֶעה דוּא זָאלְסְט לַייט וואל גֶעפֶעלִין זָאלְסְט דִיךְ הֶערֶען לֶערְנֶען, אָדֶער וֶוען דוּא וָואס גוּטְס טוּסְט זָאלְן לַייט וִויסֶען דֶער פוּן דָא וֶועט דִיךְ כָּל עוֹלָם לִיבּ הָאבֶּען, אוּנ דוּא ווייסְט דָאךְ וואל וָואס אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים שְׁרַייבֶּען, וֶועמִין לַייט לִיבּ הָאבֶּען הָאט גָאט אוֹיךְ לִיבּ, פָאלְג אִים נִיט נַייעֶרְט דוּ לֶערִין אוּנ טוּא מִצְוֹת לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּנ גָאט וֶועט שׁוֹין מַאכֶען לַייט וִויסֶען דַיין גוּטְקֵייט, אָבֶּער וָואס דוּא טוּסְט לַייט זָאלִין דִיךְ לִיבּ הָאבֶּען, דָא וֶועט גְרָאד פֶערְקֶערְט זַיין, וֶוערְסְט נָאךְ מֶער פַיינְד הָאבֶּען, אָבֶּער דֶער מֶענְשׁ מוּז אִימֶער מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים טוּן נָאר פוּן גָאטְס וֶועגֶען זָעלְבֶּערְט, וָוען שׁוֹין לַייט וֶוערֶען גֶעוָואר פוּן זַיין גוּטֶען וֶועג אִיז נִיקְס דְרָאן עֶר הָאט דָאךְ נִיט גֶעטָאן פוּן לַייטֶען וֶועגֶען נָאר דִיא לַייט הָאבֶּען זָעלְבֶּערְט גֶעוָואר גֶעוָוארֶען אִיז עֶר נִיט שׁוּלְדִיג, דְרוּם וֶוען דִי לַייט דֶער נָאךְ לוֹיבֶּען אִים עֶר קָאן דִיא לַייט זַייעֶרֶע מַיילֶער פֶערְשְׁטָאפֶּען, אָבֶּער גַאֲוָה צוּ טְרַייבִּין מִיט דַיין מַעֲשִׂים טוֹבִים לָאז דִיךְ נִיט אָנְרֵיידֶען דֶען יֵצֶר הָרַע דֶער צוּ, דֶען דֶער וָואס הַאלְט זִיךְ הוֹיךְ דֶער פַאלְט אִין דֶער נִידֶערְנִישׁ אִיז גֶעמֵיינְט אִין טִיפֶען גֵיהִנָם ווי מִיר גֶעפִינֶען בַּייא פַּרְעֹה אוּנ גָלְיַת הַפְּלִשְׁתִּי אוּנ סַנְחֵרִיב אוּנ נְבוּכַדְנֶצַר אוּנ אוֹיךְ אַנְדֶרֶע וָואס הָאבִּין זִיךְ בְּגַאֲוָה גִיהַאלְטִין אוּנ זֶענִין פֶערְלָארִין גִיוָוארִין פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ פוּן יֶענֶער וֶועלְט, דֶען וֶוער פוּן זִיךְ הַאלְט פִיל, דָא הַאלְטִין לַייט אִים פַאר אַנַאר, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס זִיךְ נִידֶער הַאלְט דֶעם הָאט גָאט לִיבּ אוּנ אוֹיךְ לַייט הָאבִּין אִים לִיבּ, אוּנ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעט יָא אָן גַאֲוָה צוּ טְרַייבִּין זָאל עֶר גֶעדֶענְקֶען פוּן וַואנֶען עֶר קוּמְט פוּן דֶעם שְׁטִינְקֶעדִיגֶען טְרָאפֶּען, אוּנ וִויפִיל צָרוֹת דֶער מֶענְשׁ הָאט אַלֶע זַיינֶע לֶעבּ טָאג, אוּנ עֶר מוּז שְׁטֶערְבֶּען אוּנ ווִי מֶען לֵייגְט אִים אִין פִינְצְטֶערֶען גְרִיבּ

אריין

אריין אונ שטינקט מער אז א נבילה, אזו איז דער סוף פון מענשן אונ עס העלפט ניט קיין יוגענד אונ קיין עשירות אונ קיין גאוה, געדענק פיל יינגערע אונ רייכערע פון דיר זענען אלע געשטארבין; אונ ווערעם עסען זייא, אונ וויא איז איר יוגענד אונ עשירות, אונ ווער ווייס נאך וואס טוט זיך מיט זיי אויף יענער וועלט, אפשר איז מען זייא דארט דן מיט ביטערע יסורים וואס אונמעגליך איז צו שרייבען, דרום דו מענש זעה דיך אום איי מען שיקט נאך דיר דעם מלאך המות דאס איז א הארבער שליח, דוא וועסט דיך ניט קענען אפלייזען פון אים, דרום זעה דו מענש ווייל דו לעבסט מעשים טובים צו טון, וועט דיר וואל זיין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט אמן:

## ב) שער הענוה

ענוה, דאס איז טייטש דעמיטיקייט דער מענש זאל זיך נידריג האלטען קעגען אלע מענשען:

מדת ענוה געפעלט זעהר אין גאטס אויגן אונ אין לייטנס אויגן, ווען די קליינע מצוה וואס דער עניו טוט איז בעסר וועדר די גרויסע מצוה פון דעם בעל גאוה, ווען ער טוט די מצוה פון גאוה וועגן אונ דער עניו טוט נאר פון גאטס וועגן, אונ וואס גאט שיקט אויף אים צרות נעמט ער אלץ פארליב אן, אונ ווען גאט שיקט אים נוטץ דא לויבט ער גאט מיט גאנצן הערצן אונ שפראך ווי קום איך שטינקדיגער טראפן דער צו, איך בין דאך נאר נישט, איך פארכט מיך גאט זאל מיר דאס ניט אפשלאגן אויף עולם הבא, דא זוכט ער זיך אום אונ טוט תשובה, דאס קער איטליכר מענש צו זעהן דעמיטיג צו זיין, אונ ווען איינר אים רעט דברים רעים זאל ער פארליב אן נעמען, דאס איז פר גאט זעהר ליב אונ איז אים מוחל זיינע זינד. דעסט גלייכן פר א תלמיד חכם אדר פר יתומים אונ יתומות קער ער אנגבנע צו זיין אויך פר זיינע תלמידים אונ זאל זיך נים שפארן מיט זיי צו לערנען ביז זי קאנן גוט, ווי מיר געפינען ביי א תלמיד חכם ר' פרידא האט מיט זיין תלמיד איין פשט געלערינט פיר הונדערט מאל ביז ער האט גוט גקאנט, אויך זאל ער זיך נים שעמן צו לערנן פון איין

שפל זאל פון אים עפס מקבל זיין דברי תורה און זאל ניט זאגן ווי קום איך ביי אים צו לערנן, נאר ווי דוד המלך האט גזאגט מכל מלמדי השכלתי איז טייטש איך בין אלמדן געווארן וואס איך האב פון איטליכן גלערנט חאטשי פון אשפל. אויך זאל דער מענש אזו דעמיטיג זיין ווען איינער אים וואס רעט בייזע רייד זאל ער אים שווייגן ווי וואל די זאך איז ליגענד, און ווען איינער אים רעט דברים רעים וואס אמת איז זאל ער אים דאנקן און זאל צו אים זאגן עס איז אמת וואס דו ביזט מיך מבייש. דריבער האב איך הנאה דער פון אפשר וועט דער ביוש זיין אכפרת עון, ווי מיר פינדן עס הט איינער גפלוכט און געשענט אחכם, דא זאגט דר חכם צו אים עס איז אמת וואס דו רעטסט אויף מיר אבר זאלסט וויסן איך האב מער מעשים רעים אין מיר ווס דו ווייסט ניט נאר איין גאט ווייסט און ער שווייגט מיר פארט ווי זאל איך גאט לויבן און דאנקן אז ער איז ניט מגלה פון מיינע מעשים רעים העסט מיר מיין גהאט אויף צו ווארפן אזו העסטו מיר אויפגעווארפען:

אויך פינדן מיר אמעשה, איינער האט אחסיד דברים רעים גרעט הט אים דער ניט גענפרט אוווארט און גינג אהיים און שיקט אים אהיפשי מתנה, אויף דם מארגדיגן טאג דא בגעגנט דר מענש דם חסיד און שפראך צו אים פרוואס האסטו מיר אזו אהיפשע מתנה געשיקט, דא ענפרט אים דער חסיד ווייל דו האסט מיר אומזונסט דברים רעים גרעט האסטו ביי מיר אוועק גנומן אלע עבירות און זינד וואס איך הב גטון און הסט מיר דיינע מצות און זכיות געגעבן דרפאר, דען אזו איז דר דין ווען מען אצדיק אומזונסט רעט דברים רעים, לאזן מיר זעהן ווייל מרים האט גרעט אויף משה רבינו איז זיא דרפאר מצורע געווארן, דרום קער דר מענש אנכנע זיין קעגן איטליכן ווען שון איינער רעט אים דברים רעים זאל ער אים שווייגן דען גאט נעמט זיך אן פר אים, דם דמיטיקייט איז ווי אלייטר אז מען קאן דדורך אין העכערע מעלות אריין קומן, דען גאט לויבט משה רבינו מיט דר מעלה וואס ער איז דעמיטיג גוועזן, ווי וואל ער האט אלי מעלות גהאט לויבט ער אים דאך מיט דער מעלה גאט הט אלע בערג

לאזין

לאזין שטיין ווייל זיי צו הויך זיין געוועזן אונ האט געגעבן די תורה אויף דעם בארג סיני ווייל ער נידריג איז געוועזן :

רבי יהושע בן לוי זאגט קום אונ זעה ווי גוט איז דמיתנ צו זיין. דען די תפלה פון איס הערט גאט פריר צו ווערדר אלע תפלות אונ איז גערעכנט פר הקב"ה גלייך ער האט אלע קרבנות גבראכט ווער דמיתנ איז דר איז אסבלן אונ דערבארעמט זיך איבער לייט אונ ברויכט קיין כבוד אונ הערשאפט ניט אונ לאזט זיך בגיין וואס גאט ניט איס אונ איז ניט מקנא אונ האלט איטליכן ערליך. מען האט אמאל איינם גפרעגט וואס בטייט עס דס דו אזו הערשאפט האסט מער וויא אלע מענשן, דא שפראך ער דיא גדולה איז מיר גקומן ווייל איך הב אלע מענשן בעסר אונ ערליכר גהלטן פון מיר זעלבר, ווי איך הב געזעהן אלמדן מער פון מיר הב איך איס ערליך גהלטן ווארום איך הב גטראכט ער האט געווים מער מצות ווי איך ווארום ער ווייס בעסר די מצות צו טון ווי איך אונ ווייס בעסר צו היטן זיך פר עבירות ווי איך. אונ ווען איך האב געזעהן איינם ניט אזו אלמדן הב איך גזאגט ער איז בעסר פון מיר ווארום ער טוט איין עבירה ווערט ער נישט אזו געשטראפט, ווייל ער ניט געלערנט איז, אבר ווען איך טו איין עבירה ווער איך זעהר געשטראפט ווייל איך ווייס בעסר ווס איין עבירה איז העט איך מיר גקערט צו היטן דרפר, אונ ווען איך הב געזעהן איין אלטן מאן הב איך איס ערליך גהאלטן אונ האב גזאגט ער איז בעסר פון מיר ווארום ער האט שוין מער מצות גטון פון מיר, הב איך געזעהן איינגרן פון מיר הב איך איס ערליך געהלטן ווייל ער הט געווים וויניגר עבירות גטון פון מיר, הב איך געזעהן אריכרן פון מיר הב איך גדאכט ער הט געווים מער צדקה געגעבן פון מיר ווייל ער רייכר איז, הב איך געזעהן איין ארימר פון מיר הב איך מיר גדאכט איס וועט גאט ניט שטראפן ווס ער קיין צדקה ניט ווייל ער הט נישט צו געבן, סוף כל סוף איך הב אלע מענשן בעסר געהאלטן פון מיר :

אמאל איז אמלך געזעסן ביי דעם טיש אונ אלע זיינע קנעכט ארום דא הייב זיך דר מלך אויף אונ גייט דעם ליכט אפשנייצן, דא

שְׁפְּרֶעכֶן דִי קְנֶעכְט אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ וָוארוּם הָאסְטוּ אוּנְז נִיט גֶהֵייסֶן דִי אַרְבֶּעט טוּן, דָא שְׁפְּרַאךְ עֶר אִיךְ טוּ דָם עֶטְץ זָאלְט אַייךְ אוֹיךְ פוּן מִיר לֶערְנֶן דֶעמִיטִיג צוּ זַיין אוּנ נִיט הוֹיךְ צוּ הַאלְטֶן זִיךְ, אָבֶּר דִי לַייט וָואס מַאכֶן זִיךְ דֶעמִיטִיג פַר לַייטֶן אוּנ אִין אֱמֶת זֶענֶן זֵיי הוֹפֶּרְדִיג נָאר זֵיי טוּעֶן פוּן לַייטֶן וֶוענְן אֵיינֶר מַאכְט זִיךְ פְרוּם מֶען זָאל אִים שֶׁענְקֶן אָדֶער גֶטְרוֹיעֶן אֵיינֶר טוּט מֶען זָאל אִים עֶרְלִיךְ הַאלְטֶן, דִי זֶענְן אַרְגֶער פוּן גַנָבִים פַר זֶעלְכֶע לַייט זָאל מֶען זִיךְ הִיטֶן דָא וֶועסְטוּ נִיט קוּמֶן צוּ קְרִיג אוּנ צוּ שַׁאנְד אוּנ וֶועסְט קוּמֶן צוּ עוֹלָם הַבָּא:

## ג) שער הבושת.

מִדַת הַבּוּשֶׁת. דָס אִיז אַמֶעכְטִיגִי מִדָה, וֶוער עֶס שֶׁעמְט זִיךְ אוּנ הָט בּוּשָׁה צוּ טוּן אַשֶׁענְדְלִכִי זַאךְ, דָס קוּמְט אַלְץ פוּן חָכְמָה וֶוער קְלוּג אִיז דֶר הָט בּוּשָׁה, אוּנ אַשׁוֹטֶה הָט קֵיין בּוּשָׁה וִוי אַקְלֵיין קִינְד אָדֶר אַבְּהֵמָה דִי הָבֶּן קֵיין שֵׂכֶל הָבֶּן זֵי קֵיין בּוּשָׁה נִיט, וִוי מִיר גֶעפִינֶן אָדָם אוּנ חַוָה אֵיי זֵיי הָבֶּן פוּן בּוֹם גֶגֶעסֶן זֶענְן זֵיי גֶנַאנְגֶן נַאקֶעט אוּנ הָבֶּן זִיךְ נִיט גֶשֶׁעמְט וִוי זֵיי הָבֶּן גֶגֶעסֶן פוּן עֵץ הַדַעַת הָבֶּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶהוֹבֶּן צוּ שֶׁעמֶן אוּנ הָבֶּן זִיךְ צוּגֶעדֶעקְט, דָס קוּמְט אַלְץ פוּן חָכְמָה אוּנ דִי בּוּשָׁה אִיז מַצִיל דֶען מֶענְשׁ פוּן פִיל עֲבֵירוֹת, אוּנ מִיר גֶעפִינֶן אִין דִי גְמָרָא אַז רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָט זָאלֶן שְׁטַארְבֶּן, זֶענֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ אִים אַרַיין גֶנַאנְגֶן, דָא שְׁפְּרַאךְ עֶר צוּ זֵיי אִיךְ בֶּעגֶנְשׁ אַייךְ עֶטְץ זָאלְט אַייךְ אַזוֹ פַּרְכְטֶן פַר גָאט אַזוֹ וִוי עֶטְץ פַּרְכְט אַייךְ פַר לַייט, דָא שְׁפְּרֶכֶן זֵייא צוּ אִים רַבִּי וָוס רֶעט אִיר פַר גָאט מוּז מֶען זִיךְ מֶער פַּרְכְטֶן וִוי פַר לַייט, שְׁפְּרַאךְ עֶר נֵיין עֶטְץ זֶענְט אַייךְ בּוֹעֶה עֶטְץ זֶעהְט דָאךְ אַז דֶר מֶענְשׁ וִויל אֵיין עֲבֵירָה טוּן אוּנ קֵיינֶר זֶעהְט נִישְׁט דָא טוּט עֶר דִי עֲבֵירָה אוּנ פַּרְכְט זִיךְ פַר גָאט נִיט, אָבֶּר אַז עֶר זֶעהְט לַייט פַר זִיךְ דָא וִויל עֶר דִי עֲבֵירָה נִישְׁט טוּן, דָא קָאנְט עֶטְץ זֶעהֶן אַז אִיךְ בֶּעגֶנְשׁ אַייךְ רֶעכְט אַז עֶס אִיז פַרְהַאנְדֶן לַייט וָוס פַּרְכְטֶן זִיךְ פַר לַייט יָא, אוּנ פַר גָאט נִיט, אָבֶּר אִין אֱמֶת קֶער דֶר מֶענְשׁ זִיךְ פַר גָאט אַלֵיין צוּפַּרְכְטֶן הָאטְשִׁי וֶוען קֵיין לַייט זֶענְן נִיט

דָא, אונ קֶער זִיךְ צוּ מְרַבְּמָן וָוען קֵיין לַייט נִיט דָא זֶענֶען, אָבֶּר גָאט איז דָאךְ דָא עֶר איז אוּמֶדִים פִּיל, ווִי טָאר אָמֶענְשׁ אֵיין עֲבֵירָה טוּן פַר זַיינֶע אוֹגֶן אונ זָאל בַּיי זִיךְ זָעלְבֶּר זָאגֶן ווִי זָאל אִיךְ לַייט חָשׁוּבֶר הַאלְטֶן פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיךְ ווייס זָעלְבֶּרְט ווֶען לַייט הֶעטֶן דָא גֶשְׁטַאנֶען הֶעט אִיךְ מִיךְ גֶעפַּרְכְטֶן דִי עֲבֵירָה צוּ טוּן. אונ הַיינְט אַז גָאט איז דָא עֶר זֶעהְט דָאךְ פַר גוֹיִים, נוּ ווִי זָאל אִיךְ זִינְדִיגֶן קֶעגֶן אַזוֹ אַמֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, ווֶען עֶר זִיךְ אַזוֹ פִּירְט אִיז אִים גוּט בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא. אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבֶּן גֶזָאגְט אַעֲזוּת פָּנִים קוּמְט פַר גוֹיִים אִין גֵיהִנֹּם אַרַיין אונ אַבּוֹשֶׁת פָּנִים קוּמְט אִין גַן עֵדֶן אַרַיין, אוֹךְ קֶער זִיךְ דֶר מֶענְשׁ גֶעווֵייגֶן אַז זַיין חַבֵר זָאל נִיט אִיבֶּר אִים פַר שֶׁעמְט ווֶערֶן דָס אִיז גְלַייךְ אַז מֶען יֶענֶם הָרְגֶת. אָבֶּער ווֶען אֵיינֶר ווֶעט ווֶעלֶן זָאגֶן ווֶען דִי מִדָּה פוּן בּוּשָׁה אִיז אַזוֹ לִיבּ פַר גָאט ווייל אִיךְ מִיךְ שֶׁעמֶן ווָס מִיר קָשֶׁה אִיז צוּ פְרֶעגֶן דֶען עֶס אִיז אַחֶרְפָּה, נֵיין טוּ נִיט נַייֶערְט פְרֶעג אוֹיף דִי מִינְצְטֶע זַאךְ דָס אִיז קֵיין חֶרְפָּה נִיט, אָדֶר דוּ ווֶעסְט דִיךְ שֶׁעמֶן אַמִצְוָה צוּ טוּן דִי שְׁפֶּעטֶרְס זָאלֶן נִיט לַאכֶן אוּם דִיר, דָס הָט נִיט ווָס דוּ טוּסְט פוּן גָאטְס ווֶעגֶן דָס אִיז קֵיין חֶרְפָּה נִיט, עֶס אִיז בִּילְכֶר זִיךְ צוּ שֶׁעמֶן פַר גָאט, אַז מֶען טוּט נִיט דִי מִצְוָה אִיז אַחֶרְפָּה פַר גָאט, דָס אִיז מֶער בּוּשָׁה ווָס מֶען נֶעמְט אֵיין לְעוֹלָם הַבָּא אֵיי עֶר זָאל זִיךְ שֶׁעמֶן פַר לַייט אונ קֵיין מִצְוָה צוּ טוּן:

אוֹךְ זָאל דֶער מֶענְשׁ קֵיינֶם נִיט אַצוּנָאמֶן גֶעבֶּן אוֹךְ נִיט צוּ רוּפֶן מִיט אַצוּנָאמֶן ווָס יֶענֶר הָט אִים פוּן לַאנְג. אונ זָאל בּוּשָׁה הָבֶּן פַר אִיטְלִיכֶן מֶענְשׁ דֶען ווֶער בּוּשָׁה הָט אוֹיף זַיין פָּנִים דָס אִיז אַצֵייכֶן אַז עֶר קוּמְט אַרוּס פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב. מִיר פִינְדֶן אַז מֶען הָט שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ ווֶעלֶן פַר אַמֶלֶךְ מַאכֶן הָט עֶר זִיךְ בֶּהַלְטֶן אונ הָט זִיךְ גֶשֶׁעמְט אונ דְרוּם הָט הַשֵּׁ"י אִים אוֹסְדֶערְווֵיילְט פַר אַמֶלֶךְ ווייל עֶר אִיז אַבַּיישָׁן גֶעווֶען:

## ד) שער העזות.

מִדַּת הָעֲזוּת, דָאס אִיז אַעֲזוּת פָּנִים, דֶר אִיז גָאר פַרְקֶערְט פוּן אַבּוּשֶׁת פָּנִים דֶעם הָט אִיטְלִיכֶר פַיינְד ווָארוּם עֶס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע מִדָּה אוֹיף דֶר ווֶעלְט אונ מִיר בֶּעטֶן אַלֶע טָאג, אַז גָאט זָאל אוּנְז מַצִיל זַיין

פר

פַר אַעַזוּת פָּנִים, וֶוען שׁוֹן דֶר עַזוּת פָּנִים אַחָכָם אוּנ אַלַמְדָן אִיז, אִיז עֶר דָאךְ זֶעהְר אוּמְוֶוערְדִיג בַּיי לַייטֶנְס אוֹגֶן, אוּנ וֶוען מֶן שְׁטְרָאפְט אִים ווִיל עֶר נִיט אָנֶעמֶן קַיין שְׁטְרָאף אוּנ עֶנְפֶערְט מִיט עַזוּת אוּנ אִיז נָאךְ יֶענֶם מְבַיֵּישׁ אוּנ הַאלְט זִיךְ בֶּעסֶר פוּן אִיטְלִיכֶן, אוּנ דְרוּם קָאן עֶר נִיט קַיין תְּשׁוּבָה טוּן וָוארוּם עֶר זָאגְט עֶר טוּט אַלְץ רֶעכְט, אוּנ ווַייל דֶער עוֹלָם ווֶייסְט וואֹל וָוס פַר אַשְׁלֶעכְטְס דָס אִיז וֶוער אַעַזוּת פָּנִים אִיז דְרוּם בְּרוּךְ אִיךְ נִיט פִיל דֶערְפוּן צוּ שְׁרַייבֶּן:

## ה) שער האהבה.

מִדַּת אַהֲבָה, דָס אִיז דִי מִדָּה פוּן לִיבְשַׁאפְט, עֶס אִיז פִיל לִיבְשַׁאפְט אִין דֶר וֶועלְט אָבֶּר מֶען זָאל ווִיסֶן ווִי מֶען זָאל דֶערְמִיט אוּמְגֵיין, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶר זַיינֶע קִינֶדר לִיבּ הָט אוּנ פַר גְרוֹס לִיבְשַׁאפְט נִיט עֶר זֵיי אַלְץ נָאךְ, וֶוען זֵיי שׁוֹן בֵּייז טוּן ווִיל עֶר זֵיי נִיט שְׁטְרָאפֶן אָבֶּר שְׁלָאגֶן דָס הֵייסְט אַבֵּייזֶע לִיבְשַׁאפְט דָס הֵייסְט פַיינְדְשַׁאפְט, נֵייעֶרְט וֶוער לִיבּ הָט אַקִינְד זָאל עֶר אִים צִיעֶן צוּ גָאטְס דִינְסְט וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָט גֶזָאגְט וֶוער עֶס פֶּערְמַייד דִי רוּט פוּן קִינְד אוּנ שְׁלָאגְט אִים נִיט דֶער הָט פַיינְד דָס קִינְד וָוארוּם עֶר בְּרֶענְגְט אִים פוּן עוֹלָם הַבָּא אִין גֵיהִנָּם אַרַיין: אוֹךְ אִיז דִי לִיבְשַׁאפְט וֶוען עֶר הָט לִיבּ דָס גֶעלְד, פַר גְרוֹס לִיבְשַׁאפְט פְרֶעגְט עֶר נִיט ווִי אַרוּם דָס גֶעלְד קוּמְט אִים. הֵן מִיט רִבִּית אָדֶר גְזֵילוֹת אָדֶר אַנְדֶערִי אוּמְרִיכְטִקֵייט דָס הֵייסְט קַיין לִיבְשַׁאפְט נִיט נֵייעֶרְט עֶר זָאל לִיבּ הָבֶּן דָס גֶעלְד ווַייל עֶר קָאן דֶערְמִיט צְדָקָה גֶעבֶּן אוּנ בְּרוּכְט נִיט זִיךְ לַייעֶן אוֹף זַיין בֶּדֶערְפְנִישׁ אוּנ נִיט צוּ זָארְגֶן דָא קָאן דֶר רֶעכְט לֶערְנֶן אוּנ תְּפִלָּה טוּן בְּכַוָּונָה אָן זָארְג אוּנ קָאן זִיךְ קוֹנֶה עוֹלָם הַבָּא זַיין:

אוֹךְ וֶוען עֶר זַיין ווַייבּ לִיבּ הָט אוּנ וֶוען עֶר זֶעהְט זִי בֶּגֵייט זִיךְ מִיט לַייט נִיט עֶרְלִיךְ אִין אִיר מַשָּׂא וּמַתָּן אוּנ עֶר שְׁוַויינְגְט אִיר אוּנ שְׁטְרָאפְט זִי נִיט פַר גְרוֹס לִיבְשַׁאפְט דָס הֵייסְט אוֹךְ קַיין לִיבְשַׁאפְט נִיט נוּר פַיינְדְשַׁאפְט, נֵייעֶרְט דֶר מַאן קֶער דָס ווַייבּ לִיבּ צוּ הָאבֶּן ווַייל זִי אִיז אִים מַצִּיל פוּן עֲבֵירוֹת אוּנ צִיהְט אִים דִי קִינְדֶר אוֹךְ אִין גָאטְס דִינְסְט אוּנ עֶר קָאן זִיךְ בְּנַחַת זַיינֶע זָאכֶן טוּן הֵן אִין מַשָּׂא

ומתן אדר לערנן אונ תפלה טון דרום קער ער זי ליב האבן, אויך קער מען אלע לייט ליב צו האבן, אונ ווען ער זעהט וואס אומרעכט פון זיי זאל ער זיי שטראפן, אונ די בעסטע ליבשאפט איז דער מענש זאל גאט ליב האבן, אלץ וואס ער טוט זאל ער זעהן אז עס זאל זיין אלץ פון די ליבשאפט וואס ער צו גאט האט, ווען ער עסט אדר טרינקט דעסט גלייכן אלע הנאות וואס בעולם הזה איז זאל ער נור דאס טון אז ער זאל קענן גאט דינן ווארום ווען ער ניט עסט אונ טרינקט קאן ער ניט גאט דינן, די ליבשאפט איז איבר אלע ליבשאפטן דען אלע ליבשאפטן מוזן איין ענד האבן. למשל ווען איינר זיין ווייב גאנץ ליב האט דאס מוז איין ענד האבן דען זיי מוזן זיך שיידן מיט דען טוט פון די ליבשאפט, דעסט גלייכן פאטר אונ מוטר מיט די קינדרס ליבשאפט די ליבשאפט נעמט אלץ דער טוט אוועק. אבר די ליבשאפט וואס דער מענש האט צו גאט ווען שון דער מענש שטרבט דא ווערט ערשט די רעכטי ליבשאפט בוויזן לעולם הבא דא ווערט די נשמה דרפרייט פון גאט אין גן עדן דאס איז די רעכטי פרייד וואס קיין שמחה אונ הנאות עולם הזה איז ניט צו גלייכן צו יענר פרייד:

## י) שער השנאה.

מדת השנאה, דאס איז די מדה פון פיינדשאפט, דאס איז ווען איינר לייט פיינד האט דא קומט פון דען פיל עבירות, ווארן ווען איינר יענם פיינד האט דא רעט ער פון אים אלץ בייז אונ האט גרוס הנאה ווען ער הערט פון אים בייז ריידן, ווי וואל ער זעהט פון יענם מצות מאכט ער עס צו נישט אונ זאגט ער טוט עס נור פון רוהם ווענן, אונ ווען יענר ברוך וואס צו אים האט ער אויף אים קיין רחמנות ניט, אונ איז זיך משמח ווען אים איבל גייט, אונ מענכמאל איז פרהנדן אפיינד גאר אומזונסט נאר ער האט אים פיינד ווייל יענם וואל גייט, די שנאה איז אגרויסי עבירה איבר אזו אשנאה האט גאט דאס בית המקדש חרוב געמאכט. אויך האט אפט איינר יענם פיינד ווייל ער אים ניט שענקט אדר לייעט דאס איז איין עבירה, וואס זלבטו דיך פר לאזן אויף מענשן ליבר פרלאז דיך אויף גאט וועט ער דיר העלפן:

אוך איז פיינדשאפט ווען איינר זעהט יענר לייט געלד פר זיין סחורה אונ ער לייט נישט דס קומט אלץ ווייל ער קיין בטחון אן גאט הט. אוך הט אפט איינר יענם פיינד ווייל ער זעהט פון יענם גוטי מעשים אונ איז פרום, דס הייסט גאט פיינד גהאט, ווייל יר הט פיינד דעם ווס פאלגט גאט, דרום קער מען זעהן אלי שנאות אום דעם הארץ ארום צו שלאגן, אונ זאל אלי מענשן ליב האבן דס מול זאל מיט דעם הארצן גלייך זיין מיט ליבשאפט, אבר דס מוז מען פיינד האבן שקר צו זאגן, פרעמד געלד צו בגערן חלילה, אדר רשעים, אדר דר ווס ברענגט לייט צו עבירות מעג מען פיינד האבן. אבר גרעכטיקייט אונ שלום זאל מען ליב האבן דס הייסט גאט ליב גהאט:

## ז) שער הרחמים.

מדת הרחמים, דס הייסט בארמהערציקייט, דס איז אמדה ווס גאט הט אין זיך, דען ווען איינר דרבארמט זיך איבר יענם דרבארמט זיך גאט איבר אים אוך, אבר מען מוז וויסן ווי מען זאל נוצן דס רחמנות, למשל ווען איינר ווערט וועלן רחמנות האבן איבר זיינע קינדר ער זאל זיי ניט שלאגן ווי וואל ער זעהט זיי אומרעכט טון דס הייסט קיין רחמנות דען ער איז איין אכזר אויף דעם קינדס נשמה, דען ווען ער ווערט דס קינד ציען צו גוטן איז די נשמה וואל אויף יענר וועלט. דרום קער מען בעסר רחמנות האבן אויף דר נשמה איי אויף דם גוף: אוך קער מען רחמנות צו האבן אויף ארמע לייט אונ אויף ארמע קרובים אוך איבר בהמות ועופות, מען מוז פריר די בהמות ועופות געבן עסן ווי זיך זעלברט, אזו ווי אין דר תורה שטייט ונתתי עשב בשדך איך וועל געבן גראז אין פעלד פון דיינע בהמות וועגן, אונ דרנאך שטייט ואכלת ושבעת, דרנאך ווערסטו דיך אנעסן, הכלל דר מענש קער ארחמן צו זיין אויף אלע בשעפניש, אונ ווער ארחמן איז, איז אסימן אז ער איז פון זרע אברהם יצחק יעקב דען זיי זענן גרוסע רחמנים גוועזן דרום קער דר מענש ארחמן צו זיין אויף ארמי לייט אונ ניט צו פרלאזן זיי. אונ ווען ער הט אים ניט צו געבן זאל ער מיט אים גוטע ווערטר ריידן אונ אים טרייסטן דס איז נאך מער

פון צדקה, דרום דו מענש הב אויף דיר אוך רחמנות אונ דערבארם דיך אויף דיין נשמה אז זי זאל קאנן קומן אין גן עדן אריין, ווען אז זי זאל ריין ארויף קומן אזו ווי מען הט זי דיר געגעבן:

## ח) שער אכזריות.

מדת אכזריות. די אומדערבארמקייט, דס איז א בייזע מדה זי קער נור צו גוים אבר ניט צו יודן. איין אכזר איז זיין טבע ווען עס יענם איבל גייט הט ער נאך הנאה דרפון, אונ דס הט גאט פר באטן ווען דיין חבר פאלט אפ פון זיין עשירות אונ ווערט ארעם זאלסטו דיך ניט פרייען, אבר איין אומדערבארמיגר ן ען ער קאן אים נאך נזלן דא בגזלת ער אים אן רחמנות אוך דערבארמט ער זיך ניט איבר אלמנות ויתומים. דרום קער דר מענש צו זעהן ער זאל איטער רחמנות האבן איבר אלע בשעפניש ובפרט איבר מענשן דען אפילו אויף בהמות הט גאט געווארנט מען זאל אויף זיי רחמנות הבן מען זל זי ניט איבערלאדן מיט אגרוסי משא ווס איר איז צו שווער צו טראגן:

אוך זאל דר מענש קיין אכזר זיין אויף דעם ווס אים געלד שולדיג איז ער זאל ניט אויף אים נוגש זיין ער זאל אים זיין חוב אפגעבן, אונ ווען ער פרשטייט אז ער הט נישט זאל ער פר אים נישט פארגיין ער זאל יענם נישט מבייש זיין, אוך זאל ער ניט אומדערבארמיג זיין אויף זיינע דינסטן, פרצייטנס האבן אונזערע חכמים די קנעכט געגעבן צו עסן פון איטלכן עסן ווס זיי האבן געגעסן. אבר אויף די רשעים ברויכט מען קיין רחמנות צו האבן, אדר אין משפט טאר מען אוך קיין רחמנות האבן ער מוז פסקנן ווי דר דין איז אן רחמנות, אוך ברויכט מען קיין רחמנות צו הבן די קינדר צו ציען צו תורה אונ גאטס דינסט, ווי די גמרא זאגט אדא בר כהנא זינג לערנען אין בית המדרש שפראך ער עס וואקסט דאך גראז אויף די גאסן דא קאנן זיי עס עסן: אבר דר ווס טאג אונ נאכט טראכט נור ווי ער זאל די קינדר שיין צו פירן אונ שיין צו עסן געבן אונ געלד געבן דר הייסט איין אכזר אויף זיין קינד. אברהם אבינו הט קיין רחמנות געהאט אויף זיין זוהן יצחק אונ הט אים וועלן זעלברט שעכטן פון גאטס ליבשאפט

וועגן אונ היינט לעבן מיר נור אין דעם זכות. דרום זאל דער מענש זעהן אז ער זאל רחמנות האבן דארט ווי מען דארף צו האבן דם רחמנות אבער ניט רחמנות צו האבן ווי מען דארף ניט. ליבר צו זיין איין אכזר ווי מען דארף אכזריות. מען מוז זעהן אז ער זאל ברוכן ביידע מדות. ווי רעכט אונ גוט איז פר גאט אונ פר לייט. דעם וועט גוט זיין אוף דר וועלט אונ אוף יענר וועלט:

## ט) שער השמחה

מדת השמחה. די מדה פון פריילכקייט. ווען דר מענש איז אימר לוסטיג דם איז דעם מענש זעהר גזונד דען פון דאגות קומט פיל חולשות רחמנא ליצלן. אבר מען מוז וויסן ווען מען זאל לוסטיג זיין, דען עס זענען פיל לייט פרהאנדן וואס זיי זענען לוסטיג ווען זיי זעהן עס גייט יענם שלעכט אדר יענר האט אשאדן אדר אז יענער פיהרט זיך ניט ערליך קעגן גאט אונ קעגן לייט. פר די שמחה שטראפט גאט. דער מענש קער צו זעהן אז איטליכר מענש זאל גאט בעטן עס זאל איטלכן וואל גיין, ווי אונזערע תורה האט אנגשריבן ואהבת לרעך כמוך דו זאלסט יענם אזו ליב האבן ווי דיך:

אוך איז פרהאנדן לייט וואס זענן לוסטיג אז זיי האבן זיך גוט אנגפרעסן אונ גוטן וויין אנגטרונקן דס איז אויך קיין גרוסע שמחה, נייערט עס איז גוט פריילך צו זיין אוף אשמחה של מצוה, אויף אסיום וואס ער האט אויסגלערנט אמסכת, אדר ער האט אמצוה גטון אונ איז זיך משמח דרמיט דס האט גאט ליב. אוך קער ער לוסטיג זיין ווער איין בעל בטחון איז אן גאט. ווען ער שוין וואס שאדן האט זאל ער לוסטיג זיין אז גאט אים גשטראפט הט, דען גאט גלובט איז ער שטראפט אים ניט אומזונסט ער מוז האבן וואס פרשולד ביי גאט. איז אים ליבר אז גאט אים שטראפט אוף דר וועלט איידר ער זאל גשטראפט ווערן אוף יענר וועלט, דם איז גלייך ווען איינר איז שולדיג גוועזן דעם מלך טוזענד דוקאטן אונ ער נעמט ביי אים אפ איינציגוויס אלע יאר, אזו איז דם אוך אז גאט שטראפט דעם מענש אוף דער וועלט דם איז פר ליבשאפט, ווייל ער וויל האבן אז דר מענש זאל ניט

גשטראפט ווערן לעולם הבא. ווי אין פסוק שטייט כי את אשר יאהב ה' יוכיח ווען גאט האט ליב שטראפט ער אים אויף דר וועלט אונ ניט אויף יענער וועלט. אונ זאל זאגן וואס גאט טוט איז גוטס אלין רעכט:

מעשה. אמאל זענען צוויי סוחרים געגאנגען אין די שיף אריין מיט זייער סחורה, איז איינער אין שיף אריין געגאנגען בשלום אונ דר אנדרער ווי ער האט געוואלט אריין שטייגן אין שיף אריין איז אים אשפיצינג האלץ אריין אין פוס אריין האט ער מוזן צוריק שטייגן אונ ווידר די סחורה אום די שיף לאזן ארום טראגן אהיים, דא איז ער זעהר בזארגט געוועזן וואס ער זיין סחורה האט ניט קענן אוועק פירן צו פרקופן: אין צוויי טאג ארום איז געקומען אבריף ווי די שיף איז אונטערגעגאנגען דא זענען אלע לייט אונ די סחורה וואס אין די שיף דרטרונקן געווארן, האט דר סוחר אנגעהובן גאט צו דאנקן מיט גרוס שמחה אז גאט האט אים דאס בייז צוגשיקט מיט דעם פוס, ווארן ווען ניט וואלט ער דרטרינקן געווארן:

נוא קאן מען זעהן ווי גאט מאכט אום בייז גוט, אזו אויך וואס מען מיינט עס איז גוט ווען מען זעהט עס גייט דעם רשע וואל דאס איז זעהר שלעכט, דען גאט בצאלט אים אויף דר וועלט וואס דר רשע האט עפעס אמאל נוטין געטון אונ דר צדיק קער זיך זעהר צו פרייען דרויף: למשל, אמלך האט גבעטן זיינע לייט אויף אסעודה אונ ווי די לייט זענען געקומען אין טויער אריין דא זעהן זיי ווי די הינד פרעסן פיל פלייש דא זענען די לייט זעהר לוסטיג אונ זאגן ווען די הינד פרעסן אזו פיל ווי וועלן מיר נאך האבן, אזו קער זיך דר מענש צו פרייען ווען ער זעהט דם רשע גייט וואל ווי וועט נאך בעסר גיין דם צדיק לעולם הבא:

## י) שער הדאגה.

מדת הדאגה, דר שער רעט פון די לייט וואס אימר זארגן, דס איז אשלעכטע מדה, עס קומט דרפון פיל חולשות, אבר אגוטער יוד טאר ניט זארגן, דען די לייט וואס זארגן פון געלד ווען אדר אנדרע זאכן וואס פון דר וועלט איז, דס איז אלין וואס זיי גלויבן ניט אן גאט אונ פרכטן זיך אימר זיי וועלן חלילה ניט האבן זייער בדערפניש

אונ ווילען ניט גלויבן אז גאט איז משגיח אויף איטליכן בזונדר ווי איטליכער מענש זאל האבן דס זיינגע, דרום דארף דר מענש ניט זארגן נור זיך אויף גאט צו פרלאזן אום גאנצן הערצן דא וועט אים גאט ניט פרלאזן. אבר דס הט יא דר מענש צו זארגן וואס צו זיין נשמה קער, ווען ער ווינציג הט גלערנט אדר ניט פיל צדקה געגעבן אדר ווינציג מעשים טובים גטון אדר אנדרע זאכן וואס ער הט עובר געוועזן אויף דר תורה אונ הט קיין תשובה גטון דס הט מען יא צו זארגן. אהכם הט אמאל געזעהן איינם זארגן זאגט ער צו אים וואס זארגסטו, אוב דו זארגסט פון עולם הבא וועגן זאל דיר גאט מערן דיין זארג ווארום די זארג איז זעהר גוט. אונ אוב דיין זארג איז אנדרש פון עולם הזה וועגן זאל דיר גאט מינערן דיין זארג, ווארן אין עולם הבא זאכן איז דא אסך צו זארגן, גייט עס גוט הט ער צו זארגן טאמר וועט אים גאט דס מנכה זיין לעולם הבא, גייט עס שלעכט האט ער אויך צו זארגן טאמר איז ער אזינדיגר. אז גאט שטראפט אים אונ ער איז אלמדן הט ער נאך מער צו זארגן ווייל ער ווייסט אלץ וואס רעכט איז אונ וואס ניט, אונ ווען ער איז עובר אמינצטע זאך שטראפט אים גאט מער ווי ער שטראפט איין עם הארץ, איז ער איין עם הארץ הט ער צו זארגן טאמר טו איך אום רעכט קענן גאט ווארום איך וייס מיך ניט צו היטן פר איין עבירה אויך הבן אלע מענשן צו זארגן אויף חורבן בית המקדש וירושלים אונ אויף דעם ביטערן גלות, אונ השם יתברך זאל אונז באלד אונ גיך אויסלייזן במהרה בימינו אמן:

## יא) שער החרטה.

מדת החרטה. וואס דר מענש הט חרטה אויף זיין זאך וואס ער האט גטון, דס איז אמאל אגוטע מדה אונ אמאל אשלעכטע מדה. ווען איינר וואס שלים הט גטון קעגן זיין חבר אונ הט חרטה דרויף אונ איבערבעט יענם אונ קערט אים אום זיין געלד, אדר ווען ער גזינדיגט הט קעגן גאט אונ ער הט חרטה דרויף אונ טוט תשובה, די חרטה איז גוט אונ איז ליב פר גאט. אדר עס איז פרהאנדן איין

אנדערע

אנדרע חרטה וואס זעהר שלים איז, דאס איז ווען אייננער האט גוטץ געטון און האט דרויף חרטה ער האט צדקה איין ארמאן געגעבן און ער האט דרנאך חרטה דרויף די חרטה איז אבייזע חרטה פר גאט, ווי וואל ער זעהט דרנאך אז דר ארעמאן איז קיין חסיד ניט טאר ער פארט ניט אוסרייאן דען מיר זענן אלע ניט קיין חסידים און דאך גיבט אונז גאט אונזר בעדערפניש און ביי גאט איז קיין חרטה פרהאנדן, אזו קער דר מענש אויך די מדה צו האבן ער זאל איטליכן גוטץ טון ווייל ער קען טון, און זאל זיך דענקן היינט קען איך גוטס טון לאס איך טון, ווער ווייס עס מאג אצייט קומן אז איך העט גערן גוטץ געטון און וועל מיט נישט האבן צו טון, דרום קער דר מענש איטר גוטץ טון:

## יב) שער הכעס.

מדת הכעס, דר כעס איז זעהר אשלעכטע מדה, עס קומן פיל הולשות דרפון, און ווען דר מענש ארגזן איז דא איז ביי אים אפילו גאט ניט חשוב, ער פרעגט נאך קיינם ניט אין כעס, ווי אליהו הנביא האט גזאגט צו ר׳ יהודה זעה זאלסט ניט צערנן דא וועסטו ניט ווערן פר עבירות, אונזערע חכמים האבן גזאגט דעם מענש קען מען דרקענן אין זיין צארן וואס פר אמענש ער איז אוב ער איז אהבם אדר אשוטה, און אויך צו צייטן טוט ער גרוסע עבירות אין כעס ער צורייסט עפס אדר צוברעכט אכלי אין כעס האבן אונזרע חכמים גזאגט ווען ער טוט אזו איז גלייך ווען ער לייקנט אן גאט און דינט דיא עבודה זרה, אויך האבן די חכמים גזאגט דריי ערליי האט גאט ליב, אעושר וואס האלט זיך ניט בגאוה מיט זיין עשירות, און ווען אארמאן גייט מיט אמת און בגערט קיין פרעמדס, און אמענש וואס בצווינגט זיין צארן. ארגזן טאר קיין מלמד ניט זיין ער זאל צערנן אוף די תלמידים דא וועלן זיך די תלמידים פר אים פרכטן וואס צו פרענן בלייבן זיי עמי הארצים, ארגזן האט זיין איינן הויזגזונד פיינד און פרכטן זיך פר אים און דריבר קומן פיל עבירות ארויס, ווי מיר געפינן ביי מר עוקבא איז פרלארן גווארן אפוס פון אבהמה וואס מען האט געשאכטן האבן זיך דס הויזגזונד פר אים גפרכטן אזו האבן

זיי אָפְּגְשְׁנִיטְן אַפּוּם פוּן אַלֶעבֶּדִיגֶע בְּהֵמָה אוּנ הָבֶּן צְווִישֶׁן דֶעם כָּשֵׁרְן פְלֵייש אַרַיין גְלֵייגְט. הַכְּלָל פִּיל שְׁלֶעכְטֶע זַאכֶן קוּמֶן פוּן רַגְזָנוּת וָוס נִיט מִיגְלֶךְ צוּ דֶרְשְׁרַייבֶּן, דְרוּם קֶער דֶר מֶענְש זִיךְ צוּ מַאכֶן עֶר זָאל נִיט צֶערְנֶן, וְוען שׁוֹן אֵיינֶר אִים בֵּייזֶע רֵייד רֶעט זָאל עֶר זִיךְ אוּף הַאלְטֶן צוּ צֶערְנֶן, דֶען וְוען דֶר מֶענְש אוּף דֶר וֶועלְט פֶּרְשֶׁעמְט וֶוערְט פוּן אַמֶענְש, וֶוערְט עֶר נִיט פֶּרְשֶׁעמְט אוּף יֶענֶר וֶועלְט אוּנ הש״י גִיט אִים יֶענְמְס חֵלֶק עוה״ב אַוֶועק וַוייל עֶר אִים הָאט מְבַיֵּיש גֶוֶעזְן, דְרוּם זָאל עֶר לִיבֶּר יֶענְם שְׁווַייגֶן אוּנ זָאל דֶרְפַּר עוֹלָם הַבָּא נֶעמֶן:

## יג) שער הרצון.

מִדַּת הָרָצוֹן, דָס אִיז דִי מִדָּה פוּן לַייט וָוס גוּטְווִילִיג אִיז צוּ אִיטְלִכֶן מֶענְש אוּנ וָוס גָאט שִׁיקְט אִים צוּ נֶעמְט עֶר אַלְץ אָן פַר גוּט אוּנ לִיבּ אוּנ ווִיל נִיט אַז לַייט זָאלֶן אִים כָּבוֹד אָדֶר גְדוּלָּה טוּן, אוּנ וֶוען אֵיינֶר אִים דֶרְווִידֶר רֶעט אָדֶר טוּט אִיז עֶר מוֹחֵל. עֶס הָט אַמָאל אַתַּלְמִיד חָכָם גְזָאגְט אִיךְ ווֵייס אִיךְ בִּין קֵיין כֹּהֵן נִיט אוּנ דָאךְ וֶוען אֵיינֶר הֶעט מִיר גֶהֵייסֶן גֵיין דוּכְנֶען הֶעט אִיךְ גֶגַאנְגֶן כְּדֵי אִיךְ זָאל נִיט דֶרְווִידֶר מַיין חַבֵר זַיין, דְרוּם קֶער אִיטְלִיכֶר מֶענְש גוּט צוּ זַיין מִיט לַייטֶן אוּנ זָאל שָׁלוֹם הָאבֶּן מִיט אִיטְלִיכֶן:

## יד) שער הקנאה.

מִדַּת הַקִנְאָה, דָס רֶעט פוּן דִי לַייט וָוס זֶענֶן מְקַנֵא אוּף אַלֶעם וָוס זֵייא זֶעהֶן בַּייא זַיין חַבֵר דָס אִיז אַבֵּייזֶע מִדָּה דֶען פוּן קִנְאָה קָאן מֶען חָלִילָה עוֹבֵר זַיין אַלֶע עֲבֵירוֹת:

מַעֲשֶׂה. עֶס וָואר אַמָאל אַעוֹשֶׁר הָט גֶעבֶּן אִים גֶוואנְט אַשְׁכֵן אוּנ הָט זִיךְ אָן דֶעם עוֹשֶׁר מְקַנֵא גֶוֶוען, אוֹךְ הָט עֶר מְקַנֵא גֶוֶוען דֶעם עוֹשֶׁרְס וַוייבּ וַוייל זִי אִיז אַהִיפְּשׁ מֶענְשׁ גֶוֶוען, אַמָאל אִיז דֶר עוֹשֶׁר אַוֶועק גֶעפָארְן אִים עֶרֶב שַׁבָּת דָא הָט זִיךְ דֶר רָשָׁע בַּיי דֶר נַאכְט אִים שַׁבָּת אַיינְגֶעבְּרָאכֶן דוּרְךְ דֶר וַואנְט דָא הָט עֶר שׁוֹן מְחַלֵּל שַׁבָּת גֶוֶוען דוּרְךְ זַיין קִנְאָה, אוּנ הָט מַאנְס גֶוֶוען דֶעם עוֹשֶׁרְס וַוייבּ הָט עֶר עוֹבֵר גֶוֶוען אוּף לֹא תִנְאָף, דֶרְנָאךְ הָט עֶר אַלְץ אִין הוֹיז אַוֶועק גֶנַנְבֶת הָט עֶר עוֹבֵר גֶוֶוען אוּף לֹא תִגְנוֹב, אוּנ ווִי דִי פְּרוֹיא

הט אנגהובן צו שרייען הט ער זי נהרגת הט ער עובר געוועזן אוף
לא תרצח. דא האבן געוואר געווארן זיין פאטר אונ מוטר אונ זענן
געקומן דעם רשע שטראפן דא הט דר רשע זיין פאטר אונ מוטר
גשאלטן דא הט ער עובר געוועזן אוף כבד את אביך ואת אמך, דא
האט זיך דר רשע גפארכטן ער וועט מוזן על כל פנים אומקערן
אלע זאכן וואס ער הט גגנבת דא הט ער זיך גדינגן צוויי עדות זיי
זאלן אים עדות זאגן אז דר סוחר איי ער איז גפארן אין וועג אריין
הט ער די אלע זאכן ביי אים פרזעצט דא הט ער עובר געוועזן אוף
לא תענה דם איז טייטש זאלסט ניט פאלש עדות זאגן אן דיין חבר,
דערנאך הט ער דאך געמוזט שווערן אז ער הט אים געלד גליגן
אוף די זאכן הט ער עובר געוועזן אוף לא תשא איז טייטש זאלסט
ניט פאלש שווערן. דרנאך איז דר עולם געוואר געווארן אז ער הט
פאלש געשווארן הט ער זיך גפארכטן הט ער זיך גשמד אונ הט
גלייקנט נאר אן גאט דא הט ער עובר געוועזן אוף די עשרת הדברות,
דא לאמר זעהן וואס פון קנאה קאן קומן דען איין עבירה ברענגט
די אנדרע, דרום קער מען צו זעהן אז מען זאל די מדה פון קנאה
ניט אין זיך האבען. אוך קער דר מענש צו זעהן אז ער זאל ניט
ברענגן מענשן צו דער עבירה אז מען זאל זיך אן אים מקנא
זיין, ער זאל זיך ניט איבריג שיין פירן אדר בערימן פר לייט אז
ער איז אעושר, די גמרא וויל האבן אפילו ווען איינר וויל בצאלן
די זאך וואס ער זעהט ביי יענם איז אוך איין עבירה:

מעשה. עס וואר אמאל אמלך גפארן אין וועג. דא בגעגנן אים צוויי
לייט אונ ווילן האבן אז דר מלך זאל זיי וואס געבן. אונ דר
מלך הט די צוויי לייט גקענט אז איינר איז אגרויסר מקנא אונ דר
אנדרר איז אגלוסטר געוועזן עס הט אים אלץ גלוסט פיל צו האבן
מער ווי איין אנדרר. דא זאגט דר מלך איך וועל אייך געבן נאר
עס זאל איינר פון אייך מיר זאגן וואס ער בגערט וועל איך אים געבן
אונ דעם אנדערן וואס וועט שווייגן וועל איך טאפל געבן. דא הט
זיך דר בעל מקנא גטראכט אז איך וועל מיר הייסן געבן עפס וועט
זיין חבר צוויא מאל אזו פיל נעמן אונ איך קען דס ניט דרליידן,

אונ

און זאָגט צום מלך אדוני איך וויל האָבען זאָלסט מיר הייסען איין אונ ארום נעמען כדי מען זאָל דען חבר ביידע אונגען ארום נעמען, דאָ לאָמער זעהן וואס אבעל מקנא איז דען פון קנאה קומט פיל בייז ארום, ער לאָזט זיך ניט בניגען ווס גאט הט אים גגעבען נאר נאך יענעמס האָב העט ער גערן אוועק גנומען. למשל עס איז גוועזן אפוגל אשוואַרצר הט אייטל שוואַרצע פעדרן גהאט, ער הט איינער קנאה געהאט אויף אנדערע פייגל ווס האָבען גהאט שיינע פעדרן, ווי דער שוואַרצר פוגל הט גזעהן ליגן אשיינע פעדר אין וואלד הט ער אויף גקליבען אונ הט אוסגעריסען זיינע פעדרן אונ הט איינגשטעקט זיך די שיינע פעדרן אזו לאנג ביז ער הט פון זיינע אייגענע פעדרן איינע ניט גהאט נור אייטל פרעמדע פעדרן, דא איז דר פוגל גפלוגן צווישן אנדערע פייגל זיך צו בריהמען מיט זיינע פעדרן דא הט איטליכר פוגל זיין פעדר אוסגריסען איז דר פוגל גבליבען נאקט הט ער זייני פעדרן אויך אנגוואָרען אונ איז גפייגרט פר קעלט. אזו גייט עס אויך מיט דען מקנא וועער עס וויל אונ בגערט יענעמס ווערט ער זיינס אויך אָן, דרום קער דר מענש אוועק צו וואַרפען די בייזי מדה ווערט ער רוה האָבען בעוה"ז ובעוה"ב:

## טו) שער הזריזות.

מדת הזריזות, ווי דר מענש זאָל גוואָרנט אונ אופריכטיג זיין צו אלע גוטע זאכען, ווען דיר קומט אמצוה צו ווס דו קאנסט זי טון באלד זאָלסטו ניט זאָגען איך וועל נאך צייט האָבען זי צו טון, דרום האָבען אונזערע חכמים גזאגט הוי גבור כארי ורץ כצבי לעשות רצון אביך שבשמים דס איז טייטש ווען דיר טרעפט זיך אמצוה צו טון זאָלסטו ניט פויל זיין נור זאָלסט לויפען ווי אהערש לופט, אונ ווען די מצוה איז שווער צו טון זאָלסטו דיך שטארקען ווי אלייב צו טון דען ווילען פון הקב"ה, דען גאט צאלט פר דר מצוה בזונדער אונ פר דען זריזות ווס דר מענש איז גשיקט צו דר מצוה צו טון צאלט ער ווידר בזונדר, אונ אין זיין משא ומתן קער ער אופריכטיג זיין ניט פויל אונ ער זאָל ניט זאָגען עס ווערט נאך צייט זיין איך וועל שפעטער דס טון, קומט צו גיין אין שול אריין זאגט ער ווען איך

וועל שפעטער גיין וועל איך אוך ניט פרזוימן, קומט אופצושטיין פרטאג זאגט ער עס איז אים קאלט, דרנאך ווען ער ברויך די זאך קומט עס אים שווער אן, דס קומט אלץ פון זיין פוילקייט ווענן ווס ער הט ניט בצייטן גטראכט אויף זיינע זאכן. עס איז אמאל גוט פויל צו זיין ווען מען ערגעץ שפילט אין קארטן אדר אנדרע זאכן ווס גאט ניט ליב איז, קער מען יא פויל צו זיין און ניט צוגיין דרצו, אוך ניט צו גיין צו הערן דברים בטלים:

## טז) שער הנדיבות.

מדת הנדיבות, דס איז גרעט פון די לייט ווס מילד זענן אין זייערע זאכן און ניט קארג, דס איז אגוטע מדה ווען מען גאט גיבט אז ער ניט קארג איז, ווען אים טרעפט זיך צדקה צו געבן זאל ער ניט קארג זיין, דען אונזרע חכמים האבן גזאגט ווער צדקה גיבט ווערט זיין הב געבענשט ער ווייס זעלבר ניט פון וואנן די ברכה איז אים אריין געקומן אין זיין הב אריין, דעסט גלייכן און אלץ ווס אמצוה איז זאל ער ניט קארג זיין, אבר ווס די נשמה גייט אן זאל ער זעהר מילד זיין:

## יז) שער הזכירה.

מדת הזכירה, דס איז גרעט פון די לייט ווס טון זיך צום הארצן נעמן צו גדענקן אלץ ווס זיי ברויכן צו גדענקן ווס זעהר נוצליך איז זיי, דס איז אגוטע מדה, דס ערשטע קער דר מענש צו גדענקן ווי גאט הט אים בשאפן אום גאר ניכשט, ווי ער קער אים טאג און נאכט צו לויבן, און זאל זיך דענקן ווען עס זאל אים איין זאך ווס מאנגלן אין אגליד ווי ער הט זיך גזוכט ארופא ער זאל אים דס גליד היילן, ובפרט ווען ער הט נאך אנגטראפן אערליכן רופא און זאל בייא אים וויניג געלד האבן פר דען היילן ווי העט ער דען רופא גלויבט און גדאנקט, נו ווי קער ער נאך דען אלמעכטיגן גאט צו לויבן ווס ער אים בשאפן הט מיט אלע גלידר, אוך מוז ער אין זכרון האבן ווס ער הט גזינדיגט ווס פר אתשובה דרויף צו טון איז, דען דר מענש מוז דאך וויסן אז די נשמה הט נור גאט געגעבן צו בהאלטן און ווען גאט וויל זיין פקדון אפנעמן מוזטו אים ווידר אפגעבן ריין

ווי ער דיר האט געגעבן, דרום מוזטו אין זין האבן תשובה צו טון אויף אלע עבירות אז די נשמה זאל ריין ארויף קומן אונ זאלסט ניט זאגן עס וועט נאך צייט זיין תשובה צו טון איך בין נאך יונג, דאס זאג ניט, דערמאן דיך ווי פיל לייט דו האסט געקענט אדר דייניגע חברים וואס זענען יינגער געוועזן פון דיר אונ זענען געשטארבן יונגערהייט אונ ליגן אין דר ערד, דרום מוזטו בצייטן תשובה טון דאס מוז דר מענש אימר גדענקען, אבר זאל ניט זיין זכרון לייגן אויף נארישקייט, וואס דר אונ דר האט בייז גטון אדר געלד שאדן גטון איך וועל אים בייז אפטון, דאס זאל ער ניט אין זין האבן נייערט זאל איטליכן מוחל זיין אונ זאל אימר גדענקן אן דעם טוט:

מעשה, אמלך גיבט אמאל אבריף זיין קנעכט אונ שפראך צו אים איך זאג דיר אן ווען דו וועסט מיך זעהן צארניג זיין זאלסטו מיר דעם בריף ווייזן וועל איך אופהערן צארניג צו זיין, אונ אין דעם בריף איז געשטאנן אזו, דו בייזר מענש טו גדענקן אז דו מוזט שטארבן אונ דיא ווערם וועלן דיך ערבן, אונ אום דיין פלייש וועלן ווערן ווערם וואס דיך וועלן עסן, דאס טוט דר מלך פון דעסט וועגן ער זאל אן טוט ניט פרגעסן וועט אים ניט גלוסטן צארניג צו זיין. אויך האט ער אשריפט גלאזט ביי זיין טיש לייגן כדי ער זאל ניט איבר זיין עסן אונ טרינקען וואס זינדיגן, אונ אין דר שריפט איז אזו געשטאנן, איך לעב אבר איך וויים ניט אויף ווי לאנג, איך שטארב אבר איך וויים ניט ווען איך מוז אוועק וואנדרן אונ וויים ניט ווי הין, איך וואונדר מיך אז איך פרייליך בין, אזו קער איטליכר מענש ניט פרגעסן אן טוט אונ זאל תשובה טון אויף זיינע עבירות אז די נשמה זאל ריין קומן פר גאט:

## יח) שער השתיקה.

מדת השתיקה, די לייט קערן זיך פאר צו נעמן אז זיי זאלן ווינציג ריידן, דען ווען איינר שון ניט קלוג איז אונ שווייגט קאן מען ניט וויסן אוב ער אשוטה איז, אבר אז ער הייבט אן צו ריידן פון לייטן דאס איז לשון הרע די עבירה איז גלייך ווי עבודה זרה:

מעשה, אמאל האט רבי גמליאל וואלן אסעודה מאכן האט ער געגעבן

געלד זיין משרת זאל קופן פלייש אויף דער סעודה, האט דער משרת געקופט אייטל צונגן אונ האט דאס געלאזט קאכן אמייל צונגן אין וויערן אונ אמייל אין זיסן, דא זאגט דער משרת איך האב דאס פון דעסט וועגן גטון איך זאל דם עולם ווייזן אז דער מענש קאן אום דער צונג אלץ מאכן, אז דער מענש וויל איז זי זיס דאס ער רעט מיט דער צונג תורה דאס איז זיס, אונ אז דער מענש רעט מיט דער צונג לשון הרע אדר נארישקייט דאס איז וויער אונ ביטר אונ ברינגט צו פיל שאדן אונ אפט קומט מען אום דורך איבריג ריידן, דרום זאל מען זיך זעהר אופהאלטן מיט ריידן:

מעשה, אמאל איז ארום געפארן אקרעמר, ווי ער איז געקומן אין אשטאט אריין האט ער זיך געשטעלט אין מיטן מארק אונ האט אזו אויסגערופן, וועלכר מענש וויל האבן אז ער זאל לאנג לעבן אונ זאל גוט האבן אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט, זאל קומן אהער צו מיר איך וועל זייא ווייזן אקרייטעכץ וואס מען האט דרפון עולם הזה אונ עולם הבא אונ איך ברוך דרפאר קיין געצאלט ניט, דא זענען געקומן צו לופן מאנן אונ ווייבר אונ קינדר אין מארק אריין צו אים אונ בעטן אים זעהר ער זאל זיי ווייזן דאס קרייטעכץ, דא נעמט ער אפיר אספר אונ זאגט צו די לייט עטץ זאלט וויסן אז דאס קרייטעכץ קומט ניט פון מיר ארום דאס קומט ארום פון דוד המלך, דא עפנט ער דאס ספר אונ מישט זיי אויף דען פסוק אין תהלים, מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה, דאס איז טייטש וועלכר מענש עס וויל האבן דאס לעבן אויף דער וועלט אונ ער וויל זוכה זיין צו זעהן גוטץ אויף יענר וועלט זאל היטן זיין צונג זאל ניט ריידן קיין בייז אונ זאל היטן זייני לעפצן זאלן ניט ריידן קיין פאלשקייט, אונ שפראך צו זיי האב איך אייך גזאגט אז איך וועל אייך ווייזן ארפואה צו עולם הזה אונ עולם הבא אונ שטייט ווייטר געשריבן ועשה טוב טוט גוטץ דאס איז תורה לערנן זאלן מיט דעם מויל ריידן, נו ווי זאל מען דוד המלך ניט פאלגן, הכלל עס איז גוט צו ריידן דברי תורה אונ יראה אונ חכמה אונ מיט יענם צו לערנן, אבר פון אנדרע זאכן זאל מען שווייגן, ווען מען אים שון רעט דברים רעים אונ זאגט אים זיין שאנד זאל מען ניט

ענפֿערן דרוף דא האט ער גרוס שכר לעולם הבא, די מדה פון שווייגן איז אנגרוס שלאס פאר רכילות און לשון הרע, עס איז קיין סוד פאר דען וואס רעט פיל. דורך זיין פיל ריידן זאגט ער דען סוד ארוס, דרום זאל מען די צונג היטן מער ווי זיין זילבער און גאלד, צו צייטן רעט איינער אווארט ארוס און האט חרטה דרוף און העט גערן פיל גאלד און זילבער געגעבן ער זאל דאס ווארט צוריק ציען אבער עס איז שון פערבייא. דוד המלך ע"ה האט געזאגט אין תהלים, מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה, דאס איז טייטש דו צונג, וואס האט גאט נאך דיר געזאלט שטעלן פאר אשמירה וואס זאלן דיך היטן אז זאלסט ניט ריידן וואס ניט רעכט איז, אלע גלידער האט גאט ניט אשמירה געשטעלט וואס זאלן דאס גליד היטן זאל ניט אומרעכט טון, אבער די צונג האט גאט געשאפן ארום איר צוויי מויערן, די ליפן און די ציין די שטיין ארום די צונג זי זאל ניט אזו גאר אפן שטיין, ווארום ווען זי העט געשטאנען אן אהיטער ארום זיך, העט זי גרוס לשון הרע אדר בייזע זאכן גערעט, ווען זי האט צוויי שומרים ארום זיך און עס העלפט איר ניט און רעט רייד וואס ניט רעכט איז, מכל שכן ווען זיא העט דיא שומרים ניט געהאט וויא זיא העט פשיטא אומרעכט גערעט, דרום קער מען דרינגן זעהר געווארנט זיין:

## יט) שער השקר.

מדת השקר, דאס רעט פון די לייט וואס געוויינן זיך ליגן צו זאגן דאס איז גאר ניט שיין פאר גאט, און לייט האבן פיינד אזו אמענש וואס ליגן זאגט, עס קאן קיין מענש מיט אים פיר האבן, ווארום מען קאן ניט וויסן דעם אמת פון אים. דרום קאן מען אויף זיינע רייד ניט שטעלן, נור אונזערע חכמים האבן מתיר געוועזן אפט אליגנד צו זאגן, דאס איז ווען מען דארף שלום צו מאכן צווישן מאן און ווייב אדער צווישן אנדערע לייט מעג מען עפס אליגן זאגן כדי עס זאל דאדורך אשלום ארוס קומען. אויך ווען מען פרעגט אים אוב ער קאן דין אוג דאס ספר האטשי ער קאן עס יא מעג ער זאגן ער קאן ניט,

ווי שלמה המלך האט אנגשריבן יהללך זר ולא פיך, דאס איז טייטש לאזן דיך פרעמדע לייט לובן אבער ניט דיין מויל זאל דיך אליין לובן דען דאס איז אגאוה, אבער ווייטער אין אלע זאכן זאל קיין דבר שקר אוס זיין מויל ניט ארויס גיין נייערט איטל אמת דאס האט גאט ליב, ווי דוד המלך האט גזאגט, קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראהו באמת, גאט איז נאהנט צו די מענשן וואס אים רופן מיט אמת, אבער ניט די לייט וואס קערן זיך מיט דעם פנים צו דער וואנט און שאקלן זיך איטער און זיי טון עס נור פון לייט וועגן מען זאל אים האלטן פאר פרום און אין אמת זענען זיי פאלשע לייט, די האט גאט פיינד, דרום בעטן מיר וטהר לבנו לעבדך באמת, איז טייטש ווי מיר גאט בעטן אז ער זאל אונזער הערץ ריינגן אז מיר זאלן גאט דינען מיט וורהייט אז דער יצר הרע זאל אונז ניט איבער ריידן אז מיר זאלן פאלש גאט דינען און אפילו וואס איז עסק משא ומתן זאל אלץ ערלך זיין, ווי פרצייטן איז געוועזן ווען איינער האט עפס פרקופט האט ער ניט מיין געבאטן נור ווי ער האט אין זין געהאט אז ער וועט עס אנדערש ניט געבן, און ווען איינער שון מער האט וועלן געבן האט ער ניט וועלן נעמן נור ווי ער האט אין זין געהאט צו נעמען דער פאר, און אפילו מיט גוים מוז מען ערלעך האנדלען, ובאם לאו קומט חלילה אחילול השם דר פון ארוס:

מעשה וואר געשעהן דאס רבי שמעון בן שטח האט גקופט איין אייזל ביי אגוי, ווי ער האט דאס אייזל אהיים גנומן זענען די תלמידים עפס אין שטאל אריין גגאנגן האבן זיי דרזעהן אוף דעם אייזל הענגט אגרוסער אבן טוב אן האלז, דא קומן די תלמידים צו רבי שמעון און זאגן צו אים רבי גלובט איז גאט וואס ער האט אייך אזוי אגרוסע מציאה צו גשיקט אין הויז אריין, עס הענגט אגרוסער אבן טוב אן דען אייזל עס איז אגרוסער שאין, דא שפראך רבי שמעון צו די תלמידים גיין, איך וויל אזוי אמציאה ניט האבן, איך האב איין אייזל גקופט אבער ניט אאבן טוב איך וויל פון דעם קיין הנאה ניט האבן ווייל דער גוי האט פרגעסן דרויף זאל איך מיר אוועק געבן איך טאר דאס ניט טון, און

הָט בַּאלד אִים אָבֶּן טוב אָפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם גוי, ווי דֶר גוי דָס זָעהְט דָא וָואוּנְדֶרְט עֶר זִיךְ זֶעהְר אוּנ שְׁפְּרַאךְ, גְלוֹבְּט אִיז דֶר יִידִישֶׁר גָאט אַז עֶר אַזוֹ אַלִיבּ פְרוּם פָאלְק הָט וָוס קֵיין פָאלְק הֶעט דָס נִיט גְטוּן, דָא הָט דֶר גוי זֶעהְר מְקַדֵשׁ הַשֵׁם גְוֶועזְן אוּנ גְלוֹבְּט גָאט. זָעלְכֶע זַאכְן שְׁטֶעהְן פִיל אִין דֶר גְמָרָא וָוס אוּנְזֶרֶע עֶרְשְׁטֶע חֲסִידִים הָבְּן גְטוּן וָוס אִיז דוּרְךְ זֵיי פִיל קִידוּשׁ הַשֵׁם אַרוֹם גְקוּמֶן, אַזוֹ קֶער אִיטְלִיכֶר מֶענְשׁ צוּא זַיין זָאל פַיינְד הָאבֶּען יֶעגֶעמְס גֶעלְד אוּנ זָאל זִיךְ פַּאר לָאזְן אוּף גָאט דָא וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אִין לֶעבְּטִיגְן גַן עֵדֶן אַרַיין צוּ קוּמֶן אָמֵן:

## כ) שער החניפות.

מִדַת הַחֲנִיפוּת, עֶס זֶענֶען לַייט פַּרְהַנְדֶען וָוס וַוייסֶען פַר גְוִוים אַז יֶענֶער אִיז אַרָשָׁע אוּנ זֵיי חַנְפְּן אִים אוּנ לוֹבְּן אִים, אַגוּטְן יוּד טָאר מֶען נִיט חַנְפְּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַבֵּייזְן מֶען קֶער זִיךְ פוּן אִים מַרְחִיק צוּ זַיין וָוארוּם גָאט הָט דֶען רָשָׁע פַיינְד מוּז דֶר מֶענְשׁ אוּךְ דֶען רָשָׁע פַיינְד הָבְּן, וֶוער עֶס טְרַייבְּט חֲנוּפָה מִיט דֶען רָשָׁע דָא מוּז עֶר דֶען רָשָׁע אִין דֶר הַאנְד אַרַיין קוּמֶן אוּנ פַאלְט אִין גֵיהִנָם אַרַיין, דְרוּם קֶער אִיטְלִיכֶר מֶענְשׁ זִיךְ צוּ הִיטֶן פַר חֲנִיפוּת, אָבֶּר אַגוּטֶר יוּד אַז עֶר זֶעהְט אֵיינֶער טְרַייבְּט אִים חֲנוּפָה מוּז עֶר זָאגֶן צוּ אִים וָוס טְרַייבְּסְטוּ מִיר חֲנוּפָה אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹ אַמֶענְשׁ בְּלוּט אוּנ פְלֵייש וְוִיא דוּ וָוס הָט אֵיינֶער דֶען אַנְדֶערֶן חֲנוּפָה צוּ טְרַייבֶּן:

מַעֲשֶׂה, עֶס וָואר אֵיין אָדָם כָּשֵׁר פַרְהַנְדֶן דֶר הָט גְהַאט אַטָאכְטֶר אוּם צוּגֶעבְּן אוּנ הָט בַּיי זִיךְ גְהַאט צְווַיי מֶעכְטִיגֶע בַּחוּרִים אִין זַיין הוֹיז דִי בַּחוּרִים הָבְּן וֶועלְן דִי טָאכְטֶר הָבְּן פַר אַוַוייבּ, דֶר אָדָם כָּשֵׁר הָט נִיט גֶעוְוּסְט וֶועלְכֶר בֶּעסֶר אִיז דָא הָט עֶר אַזוֹ גְטוּן, עֶר הָט וָוס פִיר גְהַאט מִיט אַמֶענְשׁ דָא זָאגְט עֶר צוּ אִים הֶער צוּ וָוס זָאלְן מִיר זִיךְ קְרִיגְען לָאמֶער זִיךְ פַּרְלָאזְן אוּף דִי צְווַיי בַּחוּרִים זֵיי זֶענֶען לוֹמְדִים וָוס זֵיי וֶועלְן אוּנְז פַּסְקְנֶן וֶועלְן מִיר הַאלְטֶן דָא הָאבֶּן זֵיי אַזוֹ גְטוּן, דָא הָט אֵיינֶער אַלְץ גְצוֹגְן נָאךְ דֶען בַּעַל הַבַּיִת נָאךְ וַוייל

ער הט וועלן זיין טאכטער נעמן, און דר אנדרר איז אלץ גנאנגן מיט יושר. ווי וואל ער הט אוך וועלן אז ער זאל אים די טאכטער געבן הט ער דאך ניט וועלן אוועק גיין פון דין תורה, דא הט דר אדם כשר זיין טאכטער דען בחור וואס אים הט אפגפסקט זיין געלד ליבר און הט דען אנדרן בחור ניט וועלן געבן זיין טאכטער וייל ער הט אים גחנפת, אזו קער איטליכר מענש זיך צו היטן פר חנופה און ווען איינר חנפת אים קער ער אים אן צו שרייען, דורך דעם ווערן מיר זוכה זיין צו קומן לעולם הבא:

## כא) שער לשון הרע.

מדת לשון הרע, דס רעט פון די לייט וואס רעדן פון לייט בייזע רייד ווי וואל יענר איז ניט דרביי און הערט ניט איז דאך אגרויסע עבירה, און חאטשע דס בייז וואס ער רעט אוף יענם איז װאר איז דאך אגרויסע זינד, מכל שכן ווען ער רעט אוף יענם וואס ליגנט איז דס איז נאך ארגר וואס ער איז מוציא אשם רע אוף יענם, דרום זאל מען גווארנט זיין ניט צו רעדן בייז אוף יענם דען אוף זיי איז גזאגט דר פסוק יכרת ה׳ כל שפתי חלקות גאט וועט פרשניידן די לעפצן וואס רעדן בייז אוף לייטן מיט אירע צונגן, אוך הבן אונזרע חכמים גזאגט אז לשון הרע איז גלייך ווען ער איז כופר אן גאט ברוך הוא און עס העלפט קיין תשובה דרוף ניט דען ווי קען ער דרוף תשובה טון ער הט גרעט אוף איינם בייז דא איז דר גאנצע משפחה אהרפה די משפחה ווילן אים ניט מוחל זיין און פילייכט זענן שון לייט פון דר משפחה גשטארבן הט אים קיינר נישט מוחל צו זיין און די תשובה העלפט ניט ביז יענר איז אים מוחל, און נאך איינם לשון הרע הייסט גלייך אז ער העט יענם גהרגת מיט דער בייזן ש״ס וואס ער הט אים גמאכט צווישן לייט, דען ווען איינר שלאגט יענם קען זיך דר חבר ווערן קעגן איב אדר ער קען אנטלופן און עס טוט קיינם ניט וויי נור דעם וואס מען שלאגט, אבר לשון הרע ווען יענר א[illegible]נדערט מייל פון אים ווייט טוט ער אים דערמיט וויי און [illegible]

גאנצע

גאַנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז אוֹךְ אַחֲרָפָּה דְרוּם הָט דִי עֲבֵירָה קֵיין כַּפָּרָה נִיט, אוֹף דֶר וֶועלְט וֶוערְט עֶר גֶשְׁטְרָאפְּט אוּנ לְעוֹלָם הַבָּא נָאךְ מֶער. אוֹךְ אִיז אֵיין עֲבֵירָה אֲפִילוּ צוּ הֶערֶן וֶוען אֵיינֶר זָאגְט לָשׁוֹן הָרָע. אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָבֶּן גֶזָאגְט דֶר וָוס רֶעט לָשׁוֹן הָרָע דֶר הַרְגֶעט דְרַיי מֶענְשֶׁן, עֶר הַרְגֶעט זִיךְ זֶעלְבֶּערְט, אוּנ דֶם וָוס הֶערְט צוּ דֶם לָשׁוֹן הָרָע אוּנ אוֹף דֶעם וָוס מֶען רֶעט אִיז גְלַייךְ אַז מֶען הֶעט אִים גֶהַרְגֶעט, אוּנ מֶען טָאר נִיט וואָגֶן נֶעבֶּן דֶעם וָוס אַבַּעַל לָשׁוֹן הָרָע אִיז. אוֹךְ זָאל מֶען גֶווָארֶנְט זַיין וֶוען דֶר חָבֵר הָט אִים פֶּרְטְרוֹיעֶט אַזַאךְ זָאל עֶר עֶס נִיט אוֹיסְזָאגֶן, עֶס הָט אַמָאל אַתַּלְמִיד אוֹסְגֶזָאגְט וָוס מֶהָט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ גֶערֶעט פַּר דְרַיי אוּנ צְוַואנְצִיג יָאר הָט מֶען אִים אַרוֹם גֶשְׁטוֹסֶן אוֹם דֶען בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּנ מֶען הָט צוּ אִים גֶזָאגְט דוּ בִּיזְט מְגַלֶה סוֹדוֹת, אוּנ פְּשִׁיטָא מִיט דֶר צוּנְג קֵיין רְכִילוּת צוּ זָאגֶן דָס אִיז אֵיינֶר זָאל זָאגֶן צוּ זַיין חָבֵר דָס בֵּייז הָט דֶר אוּנ דֶר גֶערֶעט אוֹף דִיר דָס אִיז אַגְרוֹסֶע זִינְד, דְרוּם מוּז מֶען גֶווָארֶנְט זַיין אֵיי מֶען רֶעט עֶפֶּס אַרוֹם זָאל מֶען זִיךְ בֶּדֶענְקֶן אוּב עֶר זָאל עֶס רֶעדֶן אָדֶר נִיט, דֶען פִילֵייכְט אִיז עֶס אֵיין עֲבֵירָה. אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶן וֶוער עֶס רֶעט פוּן לַייט בֵּייז דֶר מוּז זֶעלְבֶּערְט אַזוֹ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵייסְט אוֹף זַיין חָבֵר עֶפֶּס בֵּייז זָאל עֶר דָאךְ נִיט רֶעדֶן אוֹיף אִים, דֶען פִילֵייכְט אִיז וָוס גוּטְס אוֹךְ אָן אִים. עֶס אִיז אַמָאל אַחָכָם גֶגַאנְגֶן מִיט אֵיינֶם הָבֶּן זֵיי גֶזֶעהֶן אַנְבֵילָה לִיגֶן אוֹף דֶעם וֶועג דָא זָאגְט עֶר צוּם חָכָם וִוי שְׁטִינְקְט דִי נְבֵילָה זֶעהְר, דָא זָאגְט דֶר חָכָם צוּ אִים וָוארוּם זֶעסְטוּ נִיט וָוס פַּר אַשֵׁיינֶע אוּנ וַוייסֶע צֵיין זִי הָט קֶערְסְטוּ זִי צוּ לוֹבֶּן מִיט דֶעם וָוס שֵׁיין אִיז נִיט צוּ שֶׁענְדֶן מִיט דֶר זַאךְ וָוס מִיאוּס אִיז, מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹף אַמֶענְשׁ מוּז מֶען זִיךְ הִיטֶן בֵּייז צוּ רֶעדֶן, אַז דֶר מֶענְשׁ זָאל נִיט זַיין וִוי אַפְלִיג וֶוען זִי שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹף דֶעם מֶענְשׁ וֶועט זִי זִיךְ נִיט שְׁטֶעלֶן אוֹף דֶעם רֵיינֶן לַייב נוּר אוֹף אַגְרִינְדֶל אָדֶר אַקְרֶעץ וִוי דֶר מֶענְשׁ הָט. דָוִד הַמֶלֶךְ הָט אָנְגֶשְׁרִיבֶּן אִין תְּהִלִּים. מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים אוֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת טוֹב נְצוֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה. דָס אִיז טַייטְשׁ וֶועלְכֶר מֶענְשׁ ווִיל הָאבֶּן דָס לֶעבֶּן פוּן עוֹלָם הַבָּא

דר זאל היטן זיין צונג זאל ניט רעדן קיין בייז אונ זיך צו היטן פון פאלשקייט צו רעדן. דרום קער דר מענש זיך צו היטן שטארק פון לשון הרע, אונ זאל זיך היטן צו רעדן מיט די לייט וואס זייער טבע איז צו רעדן פון לייט, דען ווען ער וועט זיך מחבר זיין צו זיי וועט ער אויך רעדן פון לייט. שלמה המלך ע"ה האט גזאגט, החיים והמות ביד הלשון, דאס איז טייטש דאס לעבן אונ דר טוט איז אנגעלעגן אן דר צונג, אז דר מענש לערנט תורה מיט דר צונג אונ לובט גאט מיט דר צונג דאס איז דאס לעבן פון עולם הבא, אבער אז דר מענש רעדט מיט דר צונג לשון הרע רכילות ניבול פה דאס איז דר טוט פון מענש:

מעשה, עס איז אמאל אמלך געוועזן, אזוי איז ער זעהר קראנק געווארן וואס מען האט אים רפואות געטון האט אלץ נישט געהאלפן, דא האבן אלע דאקטורים גזאגט ער קען קיין רפואה האבן סיידן מען זאל אים געבן מילך פון אנקבה פון אלייבן, דא האט זיך אנגערופן אקנעכט אונ זאגט איך וועל בעקומען מילך פון אלייבן, דא איז ער געקומען צו אלייבן גרוב וואס עס איז דרינען געוועזן אנקבה מיט די יונגע לייבלך אונ דר קנעכט האט זיך מיט גנומן פיל שאף, אונ ווי די נקבה האט דרזעהן אמענש דא האט זי אים וועלן צורייסן, דא ווארפט דר קנעכט איר אשאף צו פרעסן דא לאזט זי אים צופרידן אונ פרעסט אויף די שאף, אין צוויי שעה טוט ער ווידר אזוי דאס האט דר קנעכט אזוי געטון עטליכע טאג ביז זי איז געוואנט געווארן מיט דעם קנעכט אונ האט זיך גלאזט אויסמעלקן מילך אונ ער איז צוריק געפארן מיט גרוס שמחה, ווי ער האט גענעכטיגט אין אהארבריג דא האט אים געחלומט אז אלע זיינע גלידר קריגן זיך איינר מיט דעם אנדרן. די פיס זאגן צו די גלידר ווען מיר האטן ניט געגאנגן נאך דר מילך האט עמיץ ניט געקאנט אהער גיין דרום בין איך דר מלך פון אלע גלידר, דא שפראכן די הענד ווען מיר האטן ניט אויסגעמלקן די מילך האט מען אונז אלע אומגעבראכט דרום זענן מיר בעסר ווי אלע גלידר, דאס הערץ זאגט ווען איך האט ניט די עצה געגעבן אויף מילך האט

עֶטְץ אַלֶע נִישְׁט פְּרִיכְט, דִי אוֹגֶן זַאגֶן וֶוען מִיר הֶעטֶן נִיט גֶזֶעהֶן וִוי צוּ גֵיין וִוי הֶעט עֶטְץ עֶפֶּס גֶקָאנְט טוּן, דָא שְׁפְּרַאךְ דִי צוּנְג עֶטְץ זֶענְט אַלֶע צוּ מִיר נִיט גְלַייךְ דֶען וֶוען אִיךְ הֶעט נִיט גֶרֶעט מֶען זָאל מִיךְ שִׁיקֶן נָאךְ דִי מִילֶךְ הֶעט עֶטְץ אַלֶע נִישְׁט גֶאכְט גֶוועזֶן בַּיי דֶען מֶלֶךְ, דָא רוּפֶן זִיךְ אָן אַלֶע גְלִידֶער צוּ דֶער צוּנְג וָוס בְּרִימְסְטוּ דִיךְ מִיט רֵיין רֶעדֶן דוּ לִיגְנְסְט דָאךְ פֶרְשְׁלָאסֶן אִין כּוֹיל אוּנ קָאנְסְט קֵיינֶם נִיט זֶעהֶן אוּנ קֵייגֶר קָאן דִיךְ אוֹךְ נִיט זֶעהֶן אוּנ לִיגְנְסְט נָאס אִין שְׁפַּייעֶכְץ אוּנ צְווֵיי מוֹיעֶרֶן. זֶענֶן אַרוּם דִיר דִי צֵיין אוּנ דִי לִיפֶּן דוּ זָאלְסְט נִיט קָאנֶן אַרוּם אוּנ וִוי קָאנְסְטוּ דִיךְ אַזוֹ הוֹךְ הַאלְטֶן, דָא זָאגְט דִי צוּנְג צוּ אַלֶע גְלִידֶער וַוארְטְס נָאר אוּם וֶועט אִיר מִיר אַלֶע מוֹדֶה זַיין אַז אִיךְ בִּין בֶּעסֶר פוּן אַייךְ אַלֶע דָם הָט אִים אַלְץ אַזוֹ גֶטְרוֹימְט. וִוי עֶר הָט אוֹפְגֶוַואכְט הָט עֶר זִיךְ זֶעהְר פֶרְוָואוּנְדֶרְט אוֹף דֶעם חָלוֹם וָוס דָם בַּטַייט, נוּן וִוי עֶר קוּמְט אַהֵיים דָא אִיז עֶר גֶפַאלֶן אוֹף זַיין פָּנִים פַר דֶעם מֶלֶךְ אוּנ שְׁפְּרַאךְ אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ אִיךְ הָב דַיין בֶּפֶעל גֶהַאלְטֶן אִיךְ הָב דִיר גֶבְּרַאכְט מִילֶךְ פוּן אַנְקֵבָה פוּן אַהוּנְד. דָא וָואר דֶער מֶלֶךְ זֶעהְר צָארְנִיג אוּנ שְׁפְּרַאךְ צוּ אִים דוּא רָשָׁע דוּ הָאסְט דָאךְ גֶשְׁפְּרָאכֶן דוּ וֶועסְט מִיר בְּרֶענְגֶען מִילֶךְ פוּן אַלֵייבָּם נְקֵבָה, אוּנ הָט גֶבָּאטֶן מֶען זָאל אִים בַּאלְד הֶענְגֶען. נוּן וִוי מֶען הָט אִים אַרוּם גֶפִירְט צוּם הֶענְגֶען דָא הָאבֶן אַלֶע גְלִידֶער אָן גֶהוֹבֶן צוּ צִיטֶערֶן וַוייל זֵיי מוּזֶען אַלֶע אוּמְקוּמֶען אִיבֶּר דֶער צוּנְג, דָא זָאגְט דִי צוּנְג צוּ דִי גְלִידֶער וָוס דֶעט עֶטְץ הַיינְט עֶטְץ הָאט אַלֶע גֶזָאגְט אִיךְ בִּין דֶער אַרְגְסְטֶער פוּן אַייךְ אַלֶע הַיינְט זֶעהְט אַז עֶטְץ זֶענְט אַלֶע בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְד אוּנ דָא וֶועט עֶטְץ זֶעהֶן אַז עֶטְץ וֶועט מִיר אַלֶע מוֹדֶה זַיין, אוּנ אַז עֶטְץ וֶועט מִיךְ אוֹפְנֶעמֶן פַר אַמֶלֶךְ אִיבֶּר אַייךְ וֶועל אִיךְ דִי זַאךְ ווִידֶר פְּרִיכְטֶן אַז מִיר זָאלֶן אַלֶע בְּלַייבֶּן לֶעבֶּן, דָא הַייבֶּן אַלֶע גְלִידֶער אִים אָן צוּ בֶּעטֶן יָא מִיר וֶועלֶן דִיךְ הַאלְטֶן פַר דֶעם עֶלְצְטֶן פוּן אוּנְז אַלֶע נָאר זֶעה זָאלְסְט דָם פְּרִיכְטֶן ווִידֶר אַז מִיר זָאלֶן בְּלַייבֶּן לֶעבֶּן, דָא זָאגְט עֶר צוּ דֶעם וָוס אִים פִירְט צוּ הֶענְגֶען פִיר מִיךְ צוּרִיק צוּם מֶלֶךְ אִיךְ הָאב אִים וָוס צוּ זָאגֶן וָוס עֶר קָאן גֶהֵיילְט וֶוערֶן פוּן זַיין

קרענק, ווי מען ברענגט אים צום מלך דא פאלט ער אויף זיין פנים אונ וויינט אונ שרייט פר דעם מלך אונ זאגט ווארום הייסטו מיך הענגען אומזונסט ווייל איך האב געזאגט איך האב געבראכט הונדס מילך ניין דס איז לייבן מילך דס קאנסטו גיוואר ווערן דורך די דאקטורים, אזו שיקט דר מלך נאך די דאקטורים דא פריבן זיי די מילך אונ זעהן עס איז וואר דס איז לייבן מילך דא הט דר מלך אים גרוס כבוד אנגיטון אונ הט אים געמאכט פר א גרויסן הער דא קאן מען זעהן ווי די צונג אז זי הט גיוואלט הט זי בייז גירעט וום זי איז באלד חייב מיתה געוועזן, אונ אז זי הט געוואלט הט זי ווידר פעריכט צו לעבן, אזו אויך די צונג אז זי וויל תורה לערנן אונ גאט לויבן מיט דר צונג הט זי חיי עולם הבא, אבר אז זי רעט שלעכטס הט זי דס גיהינם, דס הט געזאגט שלמה המלך ע"ה החיים והמות ביד הלשון דס איז טייטש דס לעבן אונ דר טוט איז ביי דר צונג אין דר האנד דרום זאל דר מענש זיך היטן דרפר אונ זאל זייני קינדר גיוויינן פון קליין אן זאלן ניט פיל רעדן אדער צו הערן שמועות פון אנדערע, וועט אים אונ דיא קינדר וואל זיין בעולם הזה ובעולם הבא:

## כב) שער התשובה.

מדת התשובה, דער שער רעט פון דיא לייט וום דרמאנן זיך אן זייערע זינד אונ טון תשובה דרויף, דס איז א גרויסע נוטע מדה דען תשובה איז ביי גאט זעהר ליב אונ אנגינומן, ווייל דר מענש איז גיוואקסן פון דר יוגנד אן מיט דען יצר הרע וום ער רעט אים אן צו זינד דרום איז ניט פרהאנדן א מענש וום זאל ניט איין זינד האבן, דרום הט גאט בשאפן א רפואה צו דעם מענש איידי מכה איז, אונ דר עיקר איז וום מיגליך איז פריר תשובה צו טון איז בעסר אונ זאל ניט זאגן עס וועט נאך צייט זיין תשובה צו טון, ווער ווייס וום מארגן וועט זיך מיט דעם מענש טון דר טוט שטיט ביי דעם מענש אונטר זיין אקסל, דרום מוז דר מענש זעהן בצייטן תשובה צו טון,

ווי וואל אַז די תְּשׁוּבָה אִיז בַּיי גָאט אוֹיךְ אָנְגֶענוּמֶען וָוֹאס עֶר טוּט תָּאמְשֵׁי אוֹיף דֶר עֶלְטֶער אָבֶּער עֶס אִיז פִיל בֶּעסֶר וֶוען דֶר מֶענְשׁ בֶּעדֶענְקְט זִיךְ בַּצַייטֶען אִיז אִים גְרִינְגֶער תְּשׁוּבָה צוּ טוּן וִוי אוֹיף דֶר עֶלְטֶער וָוארוּם דָאס לֶעבֶּען פוּן מֶענְשׁ אִיז גַאנְץ קוּרְץ עֶר קָאן נִיט וִויסֶען וֶוען מֶען שִׁיקְט נָאךְ אִים, דָאס אִיז גְלֵיכֶען צוּ אַחַברוּתָא וָוָאס אִיבֶּער דֶעם יַם פָארֶען אִין אֵיין שִׁיף אִין אַגַאנְץ וַוייטֶען וֶועג, נוּן עֶס וָואר אַמָאל אַטָאג אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען אַשְׁטַארְקֶער שְׁטָארֶם ווִינְד אוּנ פַּרְטְרָאגְט דִי שִׁיף גַאנְץ וַוייט אוּנ בְּרֶענְגְט דִיא שִׁיף אִין מִיטֶען יַם אוּנ דָארְט וָואר אַגְרוֹיסֶער אִינְזֶעל אוּנ דָארְט הָאבֶּען גְוואקְסֶען זֶעהְר שֵׁיינֶע אוּנ פֵיינֶע פֵּירוֹת אוּנ מֶעכְטִגֶע גוּטֶע קְוֶועלֶען וַואסֶער וָוארֶען דָארְט אוֹיף דֶר אִינְזֶעל, אוּנ אִין דֶר שִׁיף וָוארֶען פִיל לַייט דִי הָאבֶּען אַעֵצָה גְהַאלְטֶען וִוי זֵיי זָאלֶען טוּן אוּב זֵיי זָאלֶען אַרוֹיס גֵיין אוֹיף דֶר יַבָּשָׁה, דִי עֶרְשְׁטֶע כִּיתָּה הָאט גְזָאגְט מִיר וֶועלֶען נִיט רִירֶען זִיךְ אוּם דֶר שִׁיף אַרוֹיס וָוארוּם עֶס מָאג ווִידֶר אֵיין ווִינְד דִי שִׁיף אַוֶועק טְרָאגֶען דָא וֶועלֶען מִיר דָא מוּזֶען בְּלֵייבֶּען אוֹיף דֶר אִינְזֶעל אוּנ דִי ווִילְדֶע חַיּוֹת וֶועלֶען אוּנְז אוֹיפְעֶסֶען:

דִי אַנְדֶערֶע כִּיתָּה דִי זֶענֶען נִיט אַזוֹ קְלוּג גֶוֶועזֶען אוּנ זֶענֶען אוּם דֶר שִׁיף יָא אַרוֹיס גֶגַאנְגֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעגֶעסֶען מִיט דִי גוּטֶע זַאכֶען וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶועזֶען אוּנ זֶענֶען בַּאלְד אִין דִי שִׁיף אַרַיין גְלָאפֶען דָא הָאבֶּען זֵיי זֵייעֶר אָרְט זִיךְ אָפְּגֶענוּמֶען וִוי זֵיי זֶענֶען פְרִיעֶר גֶעזֶעסֶען:

דִי דְרִיטֶע כִּיתָּה אִיז דָארְט אוֹיף דֶען אִינְזֶעל אַרוֹיס גֶגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירֶען אוּנ הָבֶּען גֶגֶעסֶען אוּנ גֶטְרוּנְקֶען פוּן אַלֶעס גוּטֶען בִּיז דִי שִׁיפְמַיים, רֶם הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ טְרוּמְפֵּייטֶען אַז מֶען זָאל גֵיךְ אִין שִׁיף אַרַיין קוּמֶען וַוייל דֶר ווִינְד אִיז אָנְגֶקוּמֶען, זֵיי זֶענֶען בַּצַייטֶען אִין שִׁיף גֶעקוּמֶען אָבֶּער הָאבֶּען דָאךְ נִיט אַזוֹ אַגוּט אָרְט בֶּעקוּמֶען וִוי צוּ זִיצֶען וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע, וָוארוּם דִיא עֶרְשְׁטֶע כִּיתָּה הָאבֶּען זִיךְ דִי בֶּעסְטֶע עֶרְטֶער אָפְּגֶענוּמֶען:

דִי פִירְטֶע כִּיתָּה הָט גְזָאגְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען וֶוען מֶען טְרוּמֵייטֶרְט יָא וֶועט נָאךְ פָארְט גֶעוֶוערֶען אֵיי דִי שִׁיפְמַייסְטֶרְם וֶועלֶען עֶרְשְׁט

עסן, דערנאך אז זיי האבן שון פרשטאנען אז די מייסטערס האבן שון געקערט אפ צו עסן אונ האבן שון אביסל געקערט צו רירן די שיף פון דעם ארט האבען זייא אנגעהובן צו לופן צו דר שיף דא זענען אטייל געפאלן אונ אטייל האבן זיך צו שלאגן אן די ביימר לופנדיג ביז זיי זענען געקומן צו דר שיף האבן זיי מוזן ביז אין האלז אריין אין וואסר ווס די שיף איז אוועק פון בארטן אונ האבן זיך אריין געשטיפט אין דער שיף אריין דא האבן זיי זיך מוזן זעצן אויף די ארגסטע ערטער אין דר שיף, וואָרן די ערשטע כיתות האבן אלע בעסטע ערטר פרנומן:

די פינפטע כיתה האבן זיך דא אלע תענוגים אנגעטון אויף דר אינזל אונ זענען וויט פערגאנגן צווישן די ביימר אונ האבן שון ניט געקאנט קומען ווי די שיף איז, זענען זיי אזוי ארום געגאנגן הין אונ אהער ביז דר זומר איז פרביי געוועזן, האבן אנגעהובן די פרעסט צו קומען זענען אלע פירות פון די ביימר אראפגעפאלן אונ האבן אנגעהובן פרפוילט צו ווערן דערווייל איז דר שנייא אנגעפאלן זענען זיי אלע געשטארבן אין שנייא אונ די חיות רעות האבן זיי אופגעגעסן:

אזוי איז אויך מיט דיא לייט צו דר תשובה, די ערשטע כיתה איז וואס היט זיך איין עבירה צו טוען אונ זאגן פיליכט ישטארב איך אונ וועל ניט קאנן תשובה טון, די זענן אזוי ווי די ערשטע כיתה וואס האבען גאר ניט וועלן אום די שיף ארום גיין וואָרום זיי האבען זיך געפארכטן טאמער וועלן זיי דערנאך ניט קאנן קומן צו דר שיף:

דיא אנדרע כיתה זאגן אזוי, איך וועל יא אביסל עולם הזה נאך גיין אונ טוען גרוס תשובה אויף דעם ביסל עולם הזה ווס זיי האבען געהאט אויף דר וועלט, די האבן גרוס שכר בעולם הבא אבר ניט אזוי ווי די ערשטע:

די דריטע כיתה די טוען שפעט תשובה זיי זאגן מיר זענן נאך יונג מיר וועלען נאך צייט האבן תשובה צו טון, ווי וואל דאך די

תשובה

תְּשׁוּבָה אִיז אוֹךְ זֶעהְר לִיבּ בַּייא גָאט אָבֶּר זִי קוּמְט זֶעהְר שְׁוֶוער אָן אוֹף דֶר עֶלְטֶער תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, דִי זֶענֶן גְלַייךְ צוּ דִי דְרִיטֶע כִּתָּה וָואס הָאבֶּען גֶעוַוארְט בִּיז מֶען הָאט דֶעם זֶעגֶעל כּוּם צוּ רֶעכְט גֶמַאכְט:

דִיא פִּירְטֶע כִּתָּה טוּעֶן תְּשׁוּבָה עֶרְשְׁט אוֹף דֶר עֶלְטֶער אַז זֵיי זָאלֶן שְׁטַארְבֶּן, עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶער חִילּוּק צְווִישֶׁן דִי תְּשׁוּבָה אוּנ צְווִישֶׁן יֶענֶע לַייט וָוס הָאבֶּן תְּשׁוּבָה גֶטוּן בֶּצַייטֶן וַוייל זֵיי זֶענֶן נָאךְ יוּנְג גֶוֶועזְן, אָבֶּער עֶס אִיז נָאךְ אַרְגֶרֶע לַייט פֶרְהַאנֶדְן וָוס הָאבֶּן גָאר קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט אִין זִין צוּ טוּן אוּנ גֵיין נָאר נָאךְ זֵייעֶר גְלוּסְטִינְג אוּנ זָאגֶן דִי וֶועלְט אִיז אוֹךְ אַוֶועלְט אוּנ שְׁטַארְבֶּן גָאר אָן תְּשׁוּבָה דִי זֶענְן גְלַייךְ וִוי דִי פִינְפְטֶע כִּתָּה וָוס הָאבֶּן נִיט וֶועלֶן אַרָאפּ גֵיין פוּן אִינְזֶעל אִין דִי שִׁיף אַרַיין אִיבֶּר זֵייעֶר עוֹלָם הַזֶּה וָוס זֵיי הָאבֶּן גֶעהַאט אוֹף דֶער אִינְזֶל, דְרוּם מוּזֶן זֵיי אִין גֵיהִנָּם אַרַיין קוּמֶן אוּנ לַיידֶען גְרוֹסֶע יִסּוּרִים בִּיז זֵיי וֶוערֶן גֶלַייטֶרְט פוּן זֵייעֶרֶע זִינְד, דְרוּם קֶער דֶר מֶענְשׁ צוּ זֶעהְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן בֶּצַייטֶן וַוייל עֶר נָאךְ קֶען, דֶען וָוס עֶר לֶענְגֶער וַוארְט דֶרְוַוייל טוּט עֶר מֵיין עֲבֵירוֹת אוּנ אֶפְשַׁר וֶועט עֶר דֶערְוַוייל שְׁטַארְבֶּען גָאר אָן תְּשׁוּבָה, אוּנ וֶוען עֶר תְּשׁוּבָה טוּט זָאל עֶר זִיךְ אַלְץ דֶערְמַאנֶען אוּנ גֶעדֶענְקֶען וָואס פַר עֲבֵירָה עֶר הָט גֶעטוּעֶן, דֶען אוֹף דֶער מִינְצְטֶער עֲבֵירָה וָוס דֶער מֶענְשׁ מֵיינְט עֶס אִיז קֵיין גְרוֹסֶע זַאךְ נִיט מוּז עֶר אוֹף דֶעם תְּשׁוּבָה טוּן:

רַבִּי אֱלִיעֶזֶר דֶער זוּן פוּן ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים אִין וֶועג, הָאבֶּען זֵיי אָנְגֶעטְרָאפֶען אַפֶּעלְד וָואס הָאט דְרוֹף גֶעוַואקְסֶען זֶעהְר שֵׁיינֶע קְרַייטֶעכְצֶער אוּנ שֵׁיינֶע קְוַואלֶען וַואסֶער אִיז דְרִינֶען גֶעוֶועזֶן הָאבֶּען זֵייא זִיךְ אַנִידֶער גֶעזֶעצְט אָפְּרוּעֶן פוּן דֶער הִיטְץ, וִוי זֵיי זִיטְצֶען אַזוֹ דָא קוּמְט פַר זֵיי צוּ לוֹיפֶען אַשְׁלַאנְג, דָא זָאגְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר צוּ דֶער שְׁלַאנְג, דוּ שְׁלַאנְג אִיךְ וֵויים ווָאל וִויא אַהִין דוּ לוֹיפְסְט דַיין שְׁלִיחוּת צוּ טוּעֶן זָאגֿא [illegible]יטֶען אַמֶענְשׁ אָבֶּער אִיךְ זָאג דִיר דוּא זָאלְסְט צוּרִיק גֵיין

ווארום

וואָרום דער מענש האָט שון תשובה געטוען, נור גיי צוריק דאָרט אין וועג איז אהייל דאָרט שלאָפט אגזלן וואס האָט איהודי בגזלת אונ האָט אים פיל געלד אוועק גענומען דעם זאלסטו טייטען. ווי די שלאנג האָט דם געהערט דא האָט זי אשפרונג צוריק געטוען אונ איז אהין געלאָפען וויא רבי אליעזר האט זי געהייסען גיין, דא שפראך רבי אליעזר צו די חברים ווען איך העט דא ניט געוועזן העט דיא שלאנג פיל בייז געטוען, דען איהודי האט איין עבירה געטוען איז אוף אים נגזר פון הימעל געווארען אז די שלאנג זאל אים טייטען אונ דערנאך האט דער יהודי תשובה געטוען קענען נאט האט נאט מוחל געוועזן זיינע עבירות, דא שפראך דער רבי אליעזר צו זיי לאמער גיין זעהן ווס די שלאנג האָט דאָרט אין דר הייל געטוען, ווי זיי גיין אין וועג ליגט שון דר מענש ביי אשטיין טוטערהייט אונ דיא שלאנג ווייכט אים ניט אפ, דא זעהן זיי ווי עס ליגט נעבען דעם טוטען מאן אביינארטעל מיט גאלד אונ זילבער דאס איז געוועזן ווס דער האָט ביי איהודי אוועק גגזלת, נעמט רבי אליעזר דען ביינארטעל מיט געלד צו זיך אונ גייט ווידער אוף דעם פעלד ווי זיי זענען פריער געזעסען אונ האבען דאָרט גערוהט, וויא זיי זיצען אזו קומט אמאן צו גיין אונ וואר אוך זעהר מיד אונ זעטצט זיך אוך אפרוען אונטער אבום אונ וויינט אונ זאגט אך אונ וויא איז מיר, רבונו של עולם דוא גאט דוא ווייסט דאך וואל מיין זיפצען אונ קלאגען איז ניט פון דעסט וועגען ווס מען האָט מיר דם געלד אוועק גענומען אדער ווייל מען האט מיך אזו שטארק געשלאגען, דען גאט איז גערעכט אונ קיין אומרעכט געפינט זיך ביא גאט געלובט איז ער, נור דריבער טוה איך אזו שטארק יאמערען אונ קלאגען ווייל איך האב אלטע פאטער אונ מוטער אונ היינט האב איך זיי מיט נישט צו דערנעהרען, אונ דאס אנדערע טוהט מיר מיין הארץ שטארק ביטערען אז דען ביינארטעל געלד דרינען איז געלעגען אבינטעל געלד וואס האט געקערט צו איין ארעמען מאן ווס האָט אטאכטער

אום צו געבען אונ היינט וואס וועט דער ארעמער מאן טוען מיט
זיין ארעמע טאכטער, אונ וויא רבי אליעזר מיט זיינע חברים
הערען דאס שטייען זיי אויף פון זייער געזעס אונ גייען אהין צו
טרייסטען איהם מיט גוטע רייד אונ נעמען איהם צו זיך אונ
זאגען איהם פון זיין געלד אונ שפראכען צו איהם דו מוזט
אפרומער מאן זיין ווען גאט האט דיר אזוי אנס געטוען, אונ
נעמט דעם בייגארטעל מיט געלד אונ גיבט אפ דעם מענש,
אונ זאגט צו איהם שטיי אויף אונ קום מיט מיר איך וועל דיר
ווייזען וואס גאט האט דיר געטוען. אונ ווי זיי זענען אהין געקומען
האט ער געזעהן דען גזלן ליגען טויטערהייט אונ די שלאנג ווייכט
איהם נישט אפ ווי פריהער אונ קריכט אויף איהם אלץ ארום,
ווי דער האט דאס אלץ געזעהן דא פאלט ער אויף זיין פנים צו
דער ערד אונ הייבט אן גאט צו לובען אונ דאנקען אויף דעם
וואס גאט האט געטוען, אונ קישט דעם רבי אליעזר זיינע הענד
אונ זאגט איך ווייס פאר געוויס אז גאט האט מיר דאס נס געטוען
אין אייער זכות, דא שפראך רבי אליעזר צו דער שלאנג, וואס
דו האסט ביז אהער געטוען האסט דו רעכט געטוען דאס איז
דיין שליחות פון גאט געוועזען, אבער אצינד גיי אוועק דיין
וועג, אונ דא בין איך גוזר אויף דיר אז דו זאלסט שון קיין
מענש נישט שעדיגען, דא האט זיך די שלאנג אפגעשייד פון דעם
האלז פון גזלן אונ ביקט זיך צו דעם רבי אליעזר אונ גייט איהר
וועג, דא זאגט ר' אליעזר צו דעם מאן גיי אונ נעם דעם רויב פון דיין
פיינד דעם גזלן דען עס איז נאך ביי איהם א בייגארטעל מיט געלד
נור די קליידער לאז אויף איהם אונ נעם נישט דערפון אונ גיי
אויף דעם אונ דעם ארט וועסט דו דערווישען א מאן וואס דאס ווייב
איז איהם געשטארבען זאלסט דו איהם געבען דעם בייטעל מיט
געלד ווארום דאס געלד קער איהם. דרום נעם דאס געלד אונ גיב
איהם אפ דאס זיינע דא וועט ער גאט לובען אונ דאנקען אז
גאט האט איהם געשיקט זיין שאדען, דא טוהט ער אזוי אונ נעמט

דעם

דעם בייטעל מיט געלד און קישט דעם רבי אליעזר זיינע הענד און איז געגאנגען צו דעם מאן זיין שליחות אפטון, דערנאך איז רבי אליעזר מיט זיינע חברים ווייטער געגאנגען דא איז געקומען אטויב און הט זיך געשטעלט אקעגען זיי, און הט אנגעהובען זעהר שטארק צו שרייען און זיפצען, דא זאגט רבי אליעזר צו דער טויב דו טויב איך וייס פון לאנג אן אז דו ביזט אגטרייער שליח צו ישראל, דרום שיק איך דיך צו מיין שוועער און זאג איהם אן ער זאל זיך ניט מצער זיין וייל ער אזו קראנק איז ער וועט געזונד ווערן גאט וועט אים אנם טוען און זאג אים אז איך מיט מיינע חברים קומען צו איהם. איז די טויב מיט שמחה אוועק געפלויגן, דא זאגט רבי אליעזר צו די חברים עס איז אבער מיר זעהר באנק, יא דער שוועער וועט געזונד ווערן עס וועט אבער אין זיין שטאט איין אנדערר שטארבען ער הייסט רבי יוסי, כבן לאמער גיין אהין צו רבי יוסי פיליכט וועל איך אויסבעטען ביי גאט אז דער רבי יוסי וועט אויך לעבן בלייבען, ווען זיי אהין געגאנגען האבען זיי שון דערווישט ווי דער רבי יוסי איז זעהר קראנק, דא איז געקומען זיין קליינער זוהן און הט אנגעהובען גרויסע בכיות צו טוען און מתפלל צו זיין פר זיין פאטער אז ער זאל געזונד זיין, דא הט זיך השם יתברך דערבארמט איבער דעם קליינעם קינד און הט די גזירה בטל געמאכט און הט מוסיף געוועזן דעם רבי יוסי נאך צוויי און צוואנציג יאר זאל ער נאך לעבן, דא איז דער רבי אליעזר מיט די חברים געגאנגען צו זיין שוועער האבן זיי איהם געפונען זיצן אויף זיין בעט און דרשנת דעם פסוק רפאני ה' וארפא, דס איז טייטש היילט מיך גאט דא וועל איך זיין געהיילט, איז קשה פשיטא וואס זאגט דא דער פסוק פר אחידוש אז מען וועט איהם היילן וועט ער זיין געהיילט, אלא גיין אזו טייטש דער פסוק, דען אלע רפואות ווען ביי גאט אין דער האנד נור צו צייטען היילט ער דורך אמלאך דס איז דאך ניט אזו גוט ווי ווען ער היילט אליין,

אָבֶער די רְפוּאָה וָוס גָאט הַיילְט זָעלבֶּערט דָס אִיז די רֶעכְטֶע רְפוּאָה, דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק אַזוֹ. רְפָאֵנִי ה׳ דוּ גָאט זָאלְסְט מִיךְ זָעלבֶּערט הַיילֶן דָא וָועל אִיךְ פַר גֶעוִויס זַיין גֶעהַיילְט. פוּן דֶער מַעֲשֶׂה קָאן מֶען זֶעהְן ווי תְּשׁוּבָה וָוס דֶער מֶענְשׁ טוּהְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דְרוּם מוּז דֶער מֶענְשׁ וָוס וויל תְּשׁוּבָה טוּעֶן, אַיינְזֶעהֶן אִין סֵפֶר הַמִּצְוֹת דָארְט וָועט עֶר אַלְץ זֶעהְן ווי מֶען קֶער מִצְוֹת טוּעֶן דָא וָועט עֶר ווִיסֶען ווי עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּעֶן וָוען נִיט זָאל עֶר גֵיין צוּ לוֹמְדִים זָאלֶען אִים לֶערְנֶען וָוס רֶעכְט אִיז אָדֶער נִיט דְרוּם זָאל עֶר גֶעוָוארְנְט זַיין אִין דֶער תְּשׁוּבָה וָועט אִים גוּט זַיין בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבְעוֹלָם הַבָּא:

## כג) הנהגת התשובה.

הַנְהָגַת הַתְּשׁוּבָה, דָס רֶעט ווי דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין וָוען עֶר תְּשׁוּבָה טוּהְט. צוּם עֶרְשְׁטֶען מוּז עֶר חֲרָטָה הָאבֶּען אוֹיף אַלֶע זִינְד וָוס עֶר הָט בִּיז אַהֶער גֶעטוּעֶן, אוּנ זָאל גֶעדֶענְקֶען אוּנ זָאגֶען וָוס הָב אִיךְ אַזוֹ דֶערְווִידֶער גֶטוּעֶן קֶעגֶען דֶעם הַיילִיגֶען בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אוּנ הָב מִיךְ פַר גָאט נִיט גֶעפָארְכְטֶען אוּנ הָב נִיט בֶּעצְוָואוּנְגֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּנ הָב מַיין הַיילִיגֶע נְשָׁמָה וָוס גָאט הָט מִיר גֶגֶעבֶּען מְטַמֵּא גֶוֶועזֶן, אוּנ הָב מַיין חֵלֶק עוֹלָם הַבָּא פֶּרְקוֹיפְט פַר דֶעם נַארִישֶׁען עוֹלָם הַזֶּה, אוּנ הָבּ נִיט גֶדַאכְט וָוס אִיךְ פַר מִיר אַלֶע טָאג זֶעהֶ אַז מֶען שְׁטַארְבְּט, אוּנ מוּז חֶשְׁבּוֹן גֶעבֶּען פַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹיף אַלֶעם וָוס אִיךְ הָב גֶטוּעֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, אוּנ מוּז אוֹיף זִיךְ נֶעמֶען אַז עֶר זָאל שׁוֹן נִימֶער נִיט גֵיין אִין דֶען שְׁלֶעכְטֶען וֶועג וָוס עֶר אִיז בִּיז אַהֶער גֶגַאנְגֶען אוּנ זָאל זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיף די עֲבֵירוֹת וָוס עֶר הָט גֶטוּעֶן בִּיז אַהֶער אוּנ וָוס עֶר הָט אוּמְרֶעכְט גֶעלְד זָאל עֶר אוּמְקֶערֶען יֶענֶם אוּנ וָוען עֶר הָט נִיט עֶר אִיז אַיין אָרֶעמַאן זָאל עֶר יֶענֶם בֶּעטֶען עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוּנ זָאל מֵהַיוֹם קֵיין פְרֶעמְד גֶעלְד נִיט בֶּגֶערֶען אֲפִילוּ פוּן אַגוֹי טָאר מֶען אוֹיךְ זַייז גֶעלְד נִיט בֶּגֶעבֶּען וָוארֶען עֶס קוּמְט דַאדוּרְךְ אַיין

חִילּוּל הַשֵּׁם אַרוּם אוּנ וֶוען אֵיינֶר וִויל רֶעכְט תְּשׁוּבָה טוּעֶן זָאל עֶר זֶעהֶן אִין סֵפֶר רוֹקֵחַ וִוי עֶר שְׁרַייבְּט פוּן רַבִּי יְהוּדָה הֶחָסִיד וֶועגֶן דָארְט וֶועט עֶר אַלֶע דִי רֶעכְטֶע תְּשׁוּבָה פִינְדֶן וָוס אִיטְלִכֶר מֶענְשׁ בָּרוּךְ:

## כד) שער התורה.

דָּר שַׁעַר רֶעט וִוי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעקְרֵיינְט מִיט דֶעם כֶּתֶר תּוֹרָה דָם אִיז דִי הֶעכְסְטֶע קְרוֹן, אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבֶּן גֶזָאגְט וֶוען אַמַמְזֵר אִיז אַתַּלְמִיד חָכָם אִיז עֶר דָאךְ בֶּעסֶר וִוי אַכֹּהֵן גָּדוֹל אֵיין עַם הָאָרֶץ דֶען אַלַמְדָן וֵוייסְט וואֹל וִוי עֶר זָאל דִי מִצְוָה טוּעֶן נוּר עֶר זָאל זִיךְ נִיט בְּגַאֲוָה הַאלְטֶן דֶען דִי תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נִיט בַּיי דֶעם וָוס זִיךְ הוֹךְ הַאלְט אָבֶּר דֶר וָוס לֶערְנְט תּוֹרָה לְשֵׁם שָׁמַיִם וַוייל גָאט בָּרוּךְ הוּא הָט גֶעהֵייסֶן דָא וֶוערְט אִים. זַיין הַארְץ וִוי אַקְוַואל בְּרִינֶג, אוּנ אִיז אָפֶן צוּ דֶר תּוֹרָה, אוּנ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז אִים מְגַלֶּה סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. אָבֶּר מֶען מוּז אִימֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶען דִי תּוֹרָה אִיז נִיט צוּ גְלַייכֶן וִוי אַנְדֶערֶע מְלָאכוֹת, וֶוען עֶר קָאן שׁוֹן אֵיין מְלָאכָה גַאנְץ גוּט דֶרְנָאךְ וֶוען עֶר וֶועט נִיט אַרְבֵּייטֶן דִי מְלָאכָה אַלַאנְגֶע צַייט דָאךְ פֶרְגֶעסְט עֶר שׁוֹן זִי נִיט. אָבֶּר דִי תּוֹרָה וֶוען אַלַמְדָן וֶועט אַלַאנְגֶע צַייט נִיט לֶערְנֶען מוּז עֶר פֶרְגֶעסֶן זַיין תּוֹרָה וָוס עֶר הָט גֶעקֶענְט, אַזוֹ וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָט גֶזָאגְט אִין תְּהִלִּים, וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה, אִין דֶר תּוֹרָה, זָאלְסְט דוּ טְרַאכְטֶן אוּנ לֶערְנֶען טָאג אוּנ נַאכְט, אוּנ דֶר וָוס לֶערְנְט הִיט אִיהְם דִי תּוֹרָה פַר אַלֶע זִינְד, אוּנ בְּרֶענְגְט אִיהְם צוּ מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּנ אִיז זוֹכֶה דִי שְׁכִינָה זָאל אוֹיף אִיהְם רוּהֶען, אוּנ זֵיי זָאלֶן נִיט קֵיין הֲנָאָה הָאבֶּן וַוייל זֵיי תּוֹרָה לֶערְנֶען, וִוי מִיר גֶפִינֶען דֶר רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא אִיז זֶעהְר רַייךְ גֶוֶועזֶן, אִיז אַמָאל אִין זַיין צַייט גְרוֹיס הוּנְגֶר גֶוֶועזְן, דָא עֶפֶנְט דֶר רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא זַיינֶע אוֹצְרוֹת אוּנ לָאזְט אוֹסְרוּפֶן וֶוער אַלַמְדָן אִיז זָאל קוּמֶן צוּ רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא וֶועט עֶר אִיהְם גֶעבֶּן צוּ עֶסֶן, דָא

קוּמֶען פִיל לוֹמְדִים אוּנ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָט עֶר זֵיי אַלֶע גְשְׁפַּייזְט. דָא קוּמְט אֵיינֶר צוּ אִיהְם אוּנ וִויל אוֹיךְ צוּ עֶסֶען. אוּנ דֶר רַבִּי יְהוּדָה הָאט אִיהְם נִיט גֶקֶענְט, דָא שְׁפְּרַאךְ רַבִּי יְהוּדָה צוּ אִיהְם פַּרְוָוס זָאל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען עֶסֶען קָאנְסְט דוּ דֶען אוֹיךְ תּוֹרָה לֶערְנֶען, דָא שְׁפְּרַאךְ עֶר צוּ דֶעם רַבִּי יְהוּדָה, מַיין לִיבֶּער רַבִּי שְׁפַּייזְט מִיךְ וְוִי גָאט שְׁפַּייזְט דִי הִינְד אוּנ דִי רָאבֶּען, וְוִי וואל זֵיי קָאנֶען נִיט לֶערְנֶען דָאךְ גִיבְּט זֵיי גָאט שְׁפַּייז. דֶערְנָאךְ פְרֶעגְט אִיהְם רַבִּי יְהוּדָה וֶוער עֶר אִיז הָט עֶר נִיט וֶועלֶען זָאגְן. אוּנ עֶר אִיז אַגְרוֹסֶער תַּלְמִיד חָכָם גֶוֶועזְן, אוּנ אַז עֶר וֶועט ווִיסֶען וֶוער עֶר אִיז דָא וֶועט עֶר אִיהְם מְפַרְנֵס זַיין פוּן זַיין תּוֹרָה וֶועגֶען אוּנ דֶר תַּלְמִיד חָכָם הָט נִיט וֶועלֶען הָאבֶּען הַנָאָה דוּרְךְ זַיין תּוֹרָה :

אוֹיךְ פִינְדֶען מִיר וְוִי אַתַּלְמִיד חָכָם אִיז גֶגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם מַארְק עֶפֶּעס קוֹפֶען בַּיי אַסוֹחֵר, וְוִי עֶר הָט דִי סְחוֹרָה גֶדִינְגֶען אִיז גֶשְׁטַאנֶען אַיוּד דֶרְבַּיי, דָא זָאגְט דֶר יוּד צוּ דֶעם סוֹחֵר, אִיר זָאלְט פַּר קוֹפֶען דֶעם תַּלְמִיד חָכָם דִי סְחוֹרָה, ווָארוּם עֶר אִיז זֶעהְר פְרוּם אוּנ זִיטְצְט טָאג אוּנ נַאכְט אוּנ לֶערְנְט, וְוִי דֶר תַּלְמִיד חָכָם הָט דָס דֶרְהֶערְט אִיז עֶר אַוֶועק גֶגַאנְגֶען פוּן דֶעם סוֹחֵר אוּנ הָט לִיבֶּער גֶקוֹפְט בַּיי אֵיין אַנְדֶערֶען סוֹחֵר טַייעֶרֶער וְוִי בַּיי דֶעם כְּדֵי עֶר זָאל קֵיין הַנָאָה הָאבֶּען פוּן זַיין תּוֹרָה וֶועגֶען וֶועלְוֶועלֶער צוּ קוֹפֶען :

מַעֲשֶׂה, מִיר גֶפִינֶען אִין דֶר גְמָרָא, עֶס אִיז אַמָאל גֶוֶועזְן אַגְרוֹסֶער עוֹשֶׁר, עֶר הָט גֶהַאט פִיהְל גֶערְטְנֶער וָוס הָאבֶּען גֶוַואקְסֶען פֵּירוֹת, פְלֶעגֶען אִיהְם דִי גַנָבִים גָאר דָס אוֹבְּס אַוֶועק צוּ גַנְבֶענֶען, דָא הָט דֶר עוֹשֶׁר גֶזֶעטְצְט שׁוֹמְרִים אִין דִי גֶערְטְנֶער, אוּנ הָט אָן גֶזָאגְט, וְוִי דִי וֶועלֶען דֶרְווִישֶׁען דֶעם גַנָב זָאלֶען זֵיי אִיהְם דֶרְטְרִינְקֶען, דָא גִינְג רַבִּי טַרְפוֹן פַּר דֶעם גָארְטֶען אִיז גֶלֶעגֶען אֵיין אַפְּפֶל אוֹיף דֶר עֶרְד וָוס אִיז אַרָאפּ גֶפַאלֶען פוּן אַבּוֹים, דָא נֶעמְט דֶר רַבִּי טַרְפוֹן דֶעם אַפְּפֶל אוּנ עֶסְט, דָא הָאבֶּען דִי שׁוֹמְרִים גֶמֵיינְט אַז דָס אִיז דֶר גַנָב, הָאבֶּען זֵיי אִיהְם אִין אַזַאק אַרַיין גֶטָאן אִיהְם צוּ טְרָאגֶען צוּם וַואסֶער דֶרְטְרִינְקֶען, אוּנ וְוִי דִי שׁוֹמְרִים הָאבֶּען אִיהְם

שוין

שון צום וואסר געבראכט דא שרייט דר רבי טרפון, אוי און וויי געשריגן אז רבי טרפון זאל אזו אומשולדיג פון דר וועלט גיין, ווי די שומרים האבן דס דרהערט אז דס איז רבי טרפון, דא זענן זיי זעהר דרשראקן און נעמן איהם אום דעם זאק ארום און זאגן מיר האבן מוזן האלטן דס וואס אונזר בעל הבית הט אונז געהייסן, אבר ווען מיר העטן וויסן אז איר זענט דס העטן מיר דס ניט געטון. דא האט זיך דר רבי טרפון זעהר מצער געוועזן און שרייט ווי געשריגן איך פארכט מיך איך הב מיין זכות אנגעווארן ווייל איך בין דא ניצול געווארן פון דעם טויט דורך מיין תורה:

מעשה, מיר געפינן אין דר גמרא. עס וואר אמאל אגרויסר תלמיד חכם ער הט געהייסן הלל. און ער וואר אגרויסר ארם מאן, און די תלמידי חכמים וואס אין בית המדרש האבן געלערנט האבן געהאלטן אשומר צום בית המדרש און האבן איהם צו געזאגט אז איטליכר וואס אין בית המדרש גיין אריין לערנן זאלן דעם שומר אלע טאג געבן אפעניג שמירה געלד. און דר הלל הט אמאל נישט געהאט צו געבן דעם פעניג און אומזונסט הט ער ניט וועלן אין בית המדרש אריין גיין, דען דר שומר העט איהם גערן געשענקט דעם פעניג ווייל ער אזו אלמדן איז געוועזן, אבר הילל הט ניט וועלן האבן מען זאל איהם עפס שענקן פון זיין תורה וועגן, הט ער זיך געזעצט אויף דעם פענצטר פון דרויסן, און דענסטמאל איז ווינטר געוועזן איז אשניי אויף איהם געפאלן וואס מען הט איהם ניט ארום געזעהן דס הט ער אלץ געליטן און הט ניט וועלן הנאה האבן אז מען זאל אים אפעניג געבן:

אויך הט ער נישט געהאט אויף לעכט צו קויפן ער זאל ביי דר נאכט לערנן, הט ער ביי דר שיין פון דר לבנה געלערנט און הט נישט וועלן האבן מען זאל איהם וואס געבן ווייל ער איין תלמיד חכם איז. אזו איז פרצייטן געוועזן תלמידי חכמים און האבן אלץ געלערנט לשם שמים און נישט פון גאוה וועגן, נישט

ווי היינט אין אונזערע דורות. ווען זיי לערנען איזט עס ניט לשם שמים, אונ זענען זיך מפלפל אין שוהל ווען דר חזן דאוונט, אונ טוען פיל לערנען פון גאוה ווערגן:

מעשה, עס וואר אמאל אמאן ער הט גהייסן אבויה, ער הט אזוהן גהאט, דא הט ער געבעטן פיהל תלמידי חכמים אוף דעם ברית מילה, דא האבן זיך די לומדים מפלפל געוועזן אין דברי תורה, איז פליצלינג אגרוס פייער ארוס פון דעם הימל אונ עס איז שטארק לעכטיג געווארן. דא זאגט דר אבויה וויל גאט טוהט אזו גרוס כבוד אן די תלמידי חכמים, דא נעם איך אוף מיר אז מיין זוהן וועט מיר לעבן וועל איך איהם אוך לאזן תורה לערנען, דא הט ער גערעט ניט לשם שמים די תורה צו לערנען נור פון כבוד וועגן, אזו איז ער יא אגרוסר למדן געווארן, אבר ער איז געווארן ארשע, איז אבת קול ארוס געגאנגן פון הימל אז דר זוהן פון אבויה הט קיין חלק לעולם הבא, דרום קער איטליכר מענש צו לערנען לשם שמים ניט פון כבוד וועגן:

אוך קער דר מענש געווארנט צו זיין דס ער זאל לערנען תורה ביי דר נאכט, דען אונזערע חכמים האבן גזאגט די נאכט איז ניט מער בשאפן געווארן נאר אז דר מענש זאל לערנען:

מעשה, עס הט זיך אמאל געטראפן עס איז געוועזן אמלמד אין אקליינע קהלה, דר מלמד איז איין אדם כשר געוועזן ער הט די תלמידים אלץ געלערנט אז זיי זאלן לערנען אונ מעשים טובים טוען לשם שמים אונ ניט פון גאוה וועגן, דא וואר אין שטעטל אגרוסר עושר, אונ הט גהאט דריי זיהן ווס האבן געלערנט ביי דעם מלמד, אמאל איז דר עושר געפארן אין אגרוסע שטאט אריין, אונ איז אין שוהל אריין געגאנגן דאוועגן, דא הט ער געזעהן ווי בחורים אונ לומדים האבן זיך מפלפל געוועזן אין שוהל ביז מען הט געשריגן אוף זיי דס זיי זאלן ניט מבלבל זיין, דס איז דעם עושר זעהר וואל געפעלן וויל ער זעהט די בחורים שרייען מיט אנאנדר אונ זענען זיך מפלפל:

ווי דער עושר איז אהיים געקומען דא גענומט ער זיינע דריי בחורים אוועק פון דעם מלמד אונ שיקט זיי לערנען אין דר גרויסע קהלה, אונ האבען דארט געלערנט אבער נישט לשם שמים נור פון גאוה וועגען, איז איין בחור געשטארבען, אונ צוויי האבען זיך נאר כופר געוועזן, אזוי גייט עס אוים מיט די ווס לערנען נית לשם שמים:

## כה) שער יראת שמים.

דער שער רעט ווי דער מענש זאל גאטס פארכטיג זיין, דס איז די בעסטע מדה, דען אז ער איז אנגאטס פארכטער דא היט ער זיך איין עבירה צו טוען, אונ טראכט זיך ווי זאל איך עובר זיין אוף גאטס געבאט, ווען אמלך בשר ודם געבט עפעס אונ מען איז עובר איז מען חייב מיתה, מכל שכן ווען גאט הט עפעס פערבאטען צו טהוען ווי מאר איך די זאך עובר זיין, קער דער מענש צו זעהן אז דס זאל ביי איהם די ערשטע מדה זיין פון יראת שמים, דען ווען איינער פיעל מדות טובות הט, אונ הט נישט צו זיך די מדה פון גאטס פארכט, איז גלייך אז מען גיבט איינעם אפ אשליסעל פון אחדר ווי איין אוצר ליגט דרינען אז ער הט רשות צו טהוען מיט דעם אוצר ווס ער וויל, נור די שליסעל פון אוסענווייניגסטען חדר הט מען איהם נישט געגעבען דא קען ער צו דעם חדר ווי דער אוצר ליגט נישט קומען, נוא ווען ער הט יא די שליסעל פון דעם אוצר, ווען ער הט אבער די שליסעל פון דעם פעדער חדר נישט ווי ארום קען ער קומען צו דעם אוצר, אזוי איז אוך ווען איינער הט די שליסעל פון מדות טובות נור דעם שליסעל פון גאטס פארכט הט ער נישט, דא קומט איהם נישט ארום פון זיינע מדות ווען זיי זענען אן גאטס פורכט, דס ווער ליבער ווען ער די מדות טובות העט אוך נישט געהאט, ווארום דס ברענגט צו פיעל עבירות, דען צו לערנען אדער אנדערע מעשים טובים צו טהוען אן גאטס

פארכטיגקייט

פַארְכְטִיגְקַייט, נוּר מֶען זָאל דֶער פוּן וָוס גֶענִיסֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט דָם אִיז קִינְדִישֶׁע זַאכֶען. גְלַייךְ וֶוען פָאטֶער אוּנ מוּטֶער ווִילֶען הָאבֶּען אַז זַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלֶען צוּ דֶעם רֶבִּי גֵיין, אָדֶער זָאלֶען בֶּעגֶערֶען צוּ לֶערְנֶען, ווָארוּם וֶוען מֶען וֶועט אִיהְם פָאר זָאגֶען פוּן עוֹלָם הַבָּא אָדֶער פוּן גַן עֵדֶן וֶועט דָם קִינְד נִיט פָאלְגֶען, ווָארוּם דָם קִינְד ווייסְט נָאךְ נִישְׁט וָוס עוֹלָם הַבָּא אִיז, דְרוּם מוּז מֶען אִיהְם דֶער וַוייל פָאר זָאגֶען אַז עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועט עֶר עוֹלָם הַזֶה הָאבֶּען, אוּנ מֶען זָאגְט אִיהְם צוּ גוּטֶע קְלֵיידֶער צוּ מַאכֶען, וֶוערְט דָם קִינְד בֶּעסֶער, דֶער נָאךְ זָאגְט מֶען אִיהְם צוּ אַז עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועט מֶען מִיט אִיהְם אַגוּטֶען שִׁידוּךְ טוּעֶן, אוּנ מֶען וֶועט אִיהְם אַהִיפְּשׁ וַוייבּ גֶעבֶּען מִיט גֶעלְד, אָבֶּער דֶער נָאךְ אַז דָם קִינְד וֶוערְט שׁוֹן גְרוֹס, אוּנ פֶערְשְׁטֵייט שׁוֹן וָוס גָאט אִיז אוּנ וָוס זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז, דָא וַוארְפְט עֶר שׁוֹין אַוֶועק עוֹלָם הַזֶה זַאכֶען, אוּנ לֶערִינְט נוּר לְשֵׁם שָׁמַיִם פוּן גָאטְס וֶועגֶען, וַוייל גָאט הָט עֶס גֶעבָּאטֶען. אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דֶער מֶענְשׁ זָאל לֶערְנֶען תְּחִילָה חָאטְשִׁי שֶׁלֹא לִשְׁמָהּ, אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם שֶׁלֹא לִשְׁמָהּ אַז עֶר פֶערְשְׁטֵייט רֶעכְט וָוס גָאט אִיז וֶועט עֶר שׁוֹין לֶערְנֶען לִשְׁמָהּ, פוּן גָאטְס וֶועגֶען נִיט פוּן שָׂכָר אָדֶער עוֹנֶשׁ וֶועגֶען, נַייעֶרְט עֶר דֶערְקְלֶעהְרְט דוּרְךְ זַיין לֶערְנֶען דִי גְדוּלָה פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא, אוּנ פוּן זַיין נְשָׁמָה וֶועגֶען וַוייל זִי פִנְן אַזוֹ אֵיין עֶרְלִיךְ אוּנ הוֹיךְ אָרְט קוּמְט אַרָאפּ פוּן אוּנְטֶערֶן כִּסֵא הַכָּבוֹד זָעלְבֶּערְט דָא לֶערִינְט עֶר לִשְׁמָהּ:

לְמָשָׁל, וֶוען אַקִינְד בַּיי אַגְרוֹסֶען מֶלֶךְ אִיז פֶערְהַאנְדֶען, אוּנ מֶען הָט דָם קִינְד אַמָאל גֶעפַאנְגֶען אִין דֶר שִׁבְיָה אַרַיין, אוּנ מֶען הָאט דָאס קִינְד גֶעפִיהְרְט אִין פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער אַרַיין ווָאס דָם קִינְד קֶען גָאר נִישְׁט, אוּנ מֶען הָט דָם קִינְד פֶערְקוֹיפְט אִין אַדָארְף צוּ אַפּוֹיעֶר, דֶער פּוֹיעֶר הָט דָם קִינְד אוֹיפְגֶעצוֹגֶען צְווִישֶׁען זַיינֶע פּוֹיעֶרִישֶׁע קִינְדֶער, אוּנ דָם קִינְד הָט גֶעמוּזְט גֶעוואוּנְט וֶוערֶען דִי גְרָאבֶּע שְׁפַּייז צוּ עֶסֶען ווִי דֶעם פּוֹיעֶרְס קִינְדֶער, אוּנ

קריגט די טבע פון פויערין און הט נאר פרגעסין זיין איידילקייט וואס ער הט געהאט ביי זיין פאטער ביי דעם קעניג, צווישען אייטעל שרי מלוכה, דען ער הט שוין לאנג קיינעם פון זיי נישט געזעהן, הט ער אן פאטער און אן אלעם פערגעסען, און הט נאר די טבע געקריגען פון אפויער, עס טרעפט זיך אמאל זענען דורך געפארען סוחרים וואס האבען דם געהערט ווי דם קינד פון אמלך קומט ארויס, דא האבען זיי דעם קינד דם געזאגט, דו זאלסט וויסען אז דו קומסט פון אזו אגרויסען מלך ארויס, דו ביזט פון זרע מלוכה, נור די סוחרים האבען נישט אזו רעכט געוואוסט פון וועלכען מלך, און פון וואס פר אלאנד ער איז, דא הט דם קינד אנגעהובען צו לאכען דרויס, און זאגט עס קאן נישט זיין, איך בין דא געבארען געווארען, ווי קום איך צו אמלך, דען דם קינד הט שוין אלץ פערגעסען, און הט דם ניט געגלייבט, און הט ווייטער זיין פויערישע נאטור געברויכט, ווי ער איז שוין געוואקסט געווארען, ווי עס קומט אלאנגע צייט דער נאך זענען ווידער געפארען לייט איבער דעם דארף, און די האבען בעסער געוואוסט ווי אזו דער איז אהער געקומען, די האבען איהם בעסער געזאגט ווי ער אהער קום, און דם קינד איז שוין גרויס געווארען און היפש, דער הט זיך די ווערטער אין זין אריין גענומען, און זאגט ווען די זאך אזו איז דא מוז איך אנהייבען מיינע פויערישע און נארישע זאכען אוועק צו ווארפען, און מוז מיך פיהרען ווי אבן מלך קער זיך צו פיהרען, דם איז וואהר אז עס איז שווער דעם מענש זיך אפ צו געוויינען פון זיין נאטור ווי ער הט זיך געפיהרט פון דער יוגענד אן, נור איך הב קיין ברירה נישט, קאן איך דען קומען ווי אדארפס פויער צו מיין פאטער דעם קעניג, דא וועט זיך מיין פאטער שעהמען, דרום מוז איך שוין אוועק ווארפען די גראבע זאכען אזו איז די זאך מיט דער נשמה און מיט דעם גוף, דען די נשמה הייסט אבת מלך, און איז געשיקט געווארען אין דעם גוף אריין

דֶער גוּף אִיז אַשְׁטִיק עֶרְד אוּנ אַגְרָאבֶּע נַאטוּר, דֶער גוּף גֵייט נָאךְ אֵייטֶעל עוֹלָם הַזֶה זַאכֶען, עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ אַלֶע וואל לוּסְט פוּן עוֹלָם הַזֶה נָאךְ צוּ גֵיין, אָבֶּער דִי נְשָׁמָה הָעט גֶערְן אַלֶין נָאךְ גֶעצוֹגֶען עוֹלָם הַבָּא זַאכֶען, אַזוֹ ווִי זִי קוּמְט אַרָאפּ פוּן עוֹלָם הַבָּא אַזוֹ הָעט זִי גֶערְן גֶעטוּעֶן, נוּר דֶער גוּף אִיז גֶעווֹאנְט גֶעווָארֶען מִיט דֶעם יֵצֶר הָרַע, ווִי עֶר ווֶערְט גֶעבָּארֶען פִירְט אִיהֶם דֶער יֵצֶר הָרַע נָאךְ עוֹלָם הַזֶה זַאכֶען, בִּיז דִי נְשָׁמָה אִיז גֶעווֹאנְט גֶעווָארֶען דֶעם גוּף נָאךְ צוּ גֶעבֶען, גְלֵייךְ ווֶען זִי הָעט נִישְׁט אַרָאפּ גֶעקוּמֶען פוּן הִימֶעל, ווַייל זִי אִיז שׁוֹין גֶעווֹאנְט גֶעווָארֶען מִיט דֶעם גוּף הָט זִי גאר פֶערְגֶעסֶען אָן יֶענֶע ווֶעלְט פוּן וַואנֶען זִי קוּמְט, אוּנ טוּעֶן אַלֶין נָאר גְרָאבֶּע פוּיֶערִישֶׁע זַאכֶען, אָבֶּער ווֶען דֶער מֶענְשׁ גְרֶעסֶער ווֶערְט אוּנ הֵייבְּט אָן צוּ פֶערְשְׁטֵיין אַז זַיין נְשָׁמָה אִיז גֶענוּמֶען גֶעווָארֶען פוּן אוּנְטֶערֶען כִּסֵא הַכָּבוֹד, אוּנ קוּמְט נָאר אַרָאפּ זָאל דֶעם גוּף אוֹיךְ מְזַכֶּה זַיין מִיט מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים, דָא מוּז עֶר אָנְהֵייבֶּען צוּ בְּרֶעכֶען דֶעם גוּף, זָאל אַוֶועק וַוארְפֶען זַיין נַאטוּר ווָאס עֶר הָט לִיעבּ דִי גְרָאבֶּע זַאכֶען פוּן דֶער ווֶעלְט אוּנ זָאל דֶעם גוּף צִיהֶען נָאךְ עוֹלָם הַבָּא זַאכֶען, ווִי וואל עֶס קוּמְט אַבִּיסֶעל שְׁווֶעהְר אָן דֶער גוּף זָאל זִיךְ אָפְּגֶעווֵינֶען פוּן זַיין נַאטוּר, דֶערְקֶענֶען ווֶען מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ דֶעם נַחַת ווָאס מֶען הָט פוּן עוֹלָם הַבָּא ווֶען מֶען בְּרֶעכְט דֶעם גוּף אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, אוּנ זָאל זִיךְ דֶערְמַאנֶען דֶעם גְרוֹיסֶען עוֹנֶשׁ ווָאס דֶער מֶענְשׁ מוּז לֵיידֶען אוֹיף יֶענֶער ווֶעלְט, ווֶען חָלִילָה עֶר קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶער ווֶעלְט אַיינְגֶעבְּרַאכְט מִיט עֲוֹנוֹת אוּנ זִינְד ווָאס עֶר הָט מִיט זִיךְ גֶעבְּרַאכְט פוּן דֶער ווֶעלְט, דָא מוּז אִיהֶם דָם הַארְץ גִיבְּרָאכֶען ווֶערֶען, אוּנ מוּז אָנְהֵייבֶּען זִיךְ צוּ פִירֶען צוּ זָאלְבֶע זַאכֶען ווָאס דִי נְשָׁמָה גוּט אִיז, נִיט דֶעם גְרָאבֶּען גוּף אַלֶין נָאךְ צוּ גֶעבֶען ווָאס עֶר ווִיל, דְרוּם קֶער דֶער מֶענְשׁ זִיךְ צוּ בֶּעדֶענְקֶען אַז עֶר זָאל נִישְׁט לָאזֶען דֶעם גוּף הֶערְשֶׁען אִיבֶּער זַיין נְשָׁמָה, נַייעֶרְט עֶר זָאל זֶעהְן אַז דִי נְשָׁמָה אִיז דָאךְ בֶּעסֶער ווִי דֶער גוּף, דֶען דֶער

גוף איז דאך גקומן פון ערד אונ ער ועט ווידר גיין אין דר ערד אונ עס ועט אויס איהם ווערען ווערעם. אונ די נשמה איז דאך אחלק אלהי ממעל. זי קומט פון אונטערען כסא הכבוד זעלבערט איז דאך בילליכער אז זי זאל געוועלטיגען איבער דעם גוף. אז דער גוף זאל אימער אונטר טעניג זיין צו דער נשמה, דער מיט ועט דער מענש דערפילט ווערען מיט גאטם דיענסט, דא וועלן מיר אוך זוכה זיין צו דער גאולה אין אונזערע טעג, אונ די ישראל וועלין ישועות ונחמות האבן פר דעם גלות אמן:

## כו) שער גידול בנים.

אין מדרש רבה שטייט, ווי אדם הראשון הט חוטא געוועזן אין עסען פון עץ הדעת, איז די שלאנג געפלוכט געווארען, אונ חוה אונ דיא ערד איז געפלוכט פון אדם הראשון וועגען, דא פרעגט דר מדרש אקשיא, ווארום איז די ערד געפלוכט געווארין פון אדם הראשון וועגען, דא ענטפערט דער מדרש אתירוץ, וויל אדם איז בעשאפען געווארען פון דער ערד. דרום האט הקדוש ברוך הוא געפלוכט די ערד, דען די לייט זאגען אשפריך ווארט, ווען מען אבייז קינד זעהט דא פלוכען די לייט די ברוסט פון די מוטר די זאלכע בייזע קינדר גזויגן הט. אונ זאלכע בריסטן די זאלכע קינדר צו זייגען געגעבן האבן:

נוא וויל איך אקשיא פרעגען, אדם הראשון איז דאך בעשאפען געווארען פון דיא עליונים, אוך דער גוף פון דיא תחתונים, אונ דיא נשמה פון דיא עליונים ווארום איז דיא ערד געפלוכט געווארען, ווי אדם הראשון האט חוטא געוועזען העט זאלען די עליונים אויך געפלוכט ווערען, וויל דיא נשמה איז פון אויבען געוועזן. מיין איך דער תירוץ איז. דען אונזערע חכמים שרייבען, דאס דיא נשמה זינדיגט קיין מאהל אונ רייצט נישט אן צו זינד, אבער דער גוף איז בעשאפען געווארען פון דיא ערד. אונ דער חומר הגוף ער רייצט אן דעם מענש צו אלע זינד. אונ דיא ערד

הייסט די מוטער פון מענשען, אונ די נשמה איז גלייך ווי אפאטער
צום מענש. דרום איז די ערד פערפלוכט, געווארען ווייל דער גוף
אן רייצט צו זינד. אבער די הימלען ווי די נשמות ארוים קומען
דיא רייצען ניט אן דעם מענש צו זינדיגען, אונ דרום זענען דיא
הימלען ניט געפלוכט געווארין, אונ דרום פלוכען דיא לייט די מוטער
דווקא אונ איהרע בריסטען וועלכע מוטער אבייז קינד דערציהט,
אונ פלוכען ניט דעם פאטער. אונ דא איז אכלל וועלכע איין
אשה צנועה איז אין איהרעם הויז, די איז זוכה דס פון איהר וועלען
ארוים גיין נביאים אונ צדיקים והסידים. ווי די גמרא איין ראיה
ברענגט פון תמר, ווייל זיא אצנועה איז געוועזען איז פון איהר
ארוים געגאנגען נביאים אונ מלכים, אבער וועלכע אשה קיין
צנועה איז אדער זי האט מחשבות רעות, אזו געראטען איהרע
קינדער אויך נאך איהר. עס האט אמאל אחכם געפרעגט דעם
אנדערען חכם, ווארום נאשען דיא קליינע קאצען, דא ענטפערט
דער אנדערער חכם ווייל איהר מוטער איז אויך אנאשערין געוועזן
אזו געראטען דיא קינדער וויא דיא מוטער. דרום שטייט אין דר
תורה כרחם אב על בנים, אונ שטייט נישט כרחם אם על בנים,
דען דיא טבע פון אזכר דער וואלט גערען געזעהן דאס זיין זוהן
זאל פרום אונ גוט זיין, דא שלאגט ער איהם קליינער הייט אונ
מאכט זיין קינד אמורא. וויא אין פסוק שטייט, חושך שבטו
שונא בנו ואוהבו שחרו מוסר, דאס איז טייטש. ווען איינער פר
מייד דיא רוט פון זיין קינד האט ער דאס קינד פיינד, דען ווען
דאס קינד גרויס ווערט וויל עס זיין געוואנהייט נאך גיין אונ מוז
אגזלן אדער אגנב ווערען, דא ברענגט מען איהם אום, דאס
הייסט פיינד געהאט זיין קינד. אבער וועלכער אלע טאג זיין
קינד מיט ארוט שטראפט דער האט זיין קינד ליעב. ער געוויינט
איהם קליינער הייט צוא טהוען גוטס, דרום שטייט, כי כאשר
ייסר איש את בנו יי' אלהיך מיסרך, דאס איז טייטש. גאט ברוך

הוא זָאגְט צוּא יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁטְרָאפֶען גְלַייךְ וִויא אַיין פָאטֶער זַיין קִינְד שְׁטְרָאפֶען טוּהְט. דֶען וֶוען אַפָאטֶער זַיין קִינְד לִיעבּ הָאט טוּהְט עֶר זַיין קִינְד שְׁטְרָאפֶען, אָבֶער דִיא ווייבֶּער מֵיינֶען, וֶוען מֶען אַקִינְד שְׁטְרָאפֶען טוּהְט, דָא הָאט זִיא רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיהְר קִינְד, אוּנ צַאנְקְט מִיט דֶעם רַבִּי ווי דִי קִינְדֶער לֶערְנֶן דָאס דֶער מְלַמֵּד זָאל דִיא קִינְדֶער נִישְׁט שְׁלָאגֶען, אוּנ וֶוען דָאס קִינְד שְׁטִיפְט, גִיבְּט דִיא מוּטֶער דֶעם קִינְד אַלְץ נָאךְ אִין זַיינֶע אוֹיגֶען, דְרוּם וֶוען דָאס קִינְד אוֹיף זַיין עֶלְטֶער בֵּייז אִיז, דָא טוּעֶן דִי לַייט פְלוּכֶן דִי מוּטֶער,

דֶער פרק אִיז אַיין זִים מָשָׁל קֶענִין תְּשׁוּבָה, וָואס מֶען הָט דָאס מעתיק גִיוֶועזֶן פוּן ספר הקדוש שני לוחות הברית

עֶס אִיז גִיוֶועזֶן אַיין מלך, דֶער מלך הָאט בַּייא זִיךְ גִיהַאט שָׂרִים, וָואס עֶר הָאט זֵייא זֶעהְר לִיבּ גִיהַאט, זֵייא זֶענֶען בַּייא אִיהם מֶעהְר חָשׁוּבֶר אוּנ טַייעֶרֶער גִיוֶועזֶן פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע שָׂרִים וְיוֹעֲצִים וָואס עֶר הָאט גִיהַאט, דֶער חִידּוּשׁ הָאט דֶער מלך דִיא שָׂרִים אִיבֶּער גִיגֶעבִּין אַיין אוֹצָר וָואס אִין אִיהם אִיז גִיוֶועזֶן דִיא טַייעֶרְסְטֶע זַאכִין אוּנ אוֹיךְ בְּוֹרְלַאנְטִין.

אַיין מָאל הָאבִּין דִיא שָׂרִים דֶעם אוֹצָר בְּגְנֵבָה, אוּנ וִויא דֶער מלך הָאט דֶער זֶעהְן אַז דִיא אַלֶע טַייעֶרֶע זַאכִין זֶענֶען נִיט דָא אוּנ דִיא אִיבְּרִיגֶע זַאכִין זֶענֶען צוּ טְרֶעטִין, הָאט דֶער מלך גְרוֹיס צַער גִיהַאט דֶער פוּן, אוּנ הָאט אַיין בֶּעפֶעהְל גִיגֶעבִּין מֶען זָאל חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ זַיין וֶוער דָאס הָאט גִיטוּעֶן, נוּן אִיז מֶען גִיוָואר גִיוָוארִין אַז דָאס הָאבִּין דִיא גְרֶעסְטֶע שָׂרִים גִיטוּעֶן, הָאבִּין בַּאלְד דִיא קֶנֶעכְט דֶעם מלך דָאס מגלה גִיוֶועזִין, אוּנ הָאבִּין אִיהם גִיזָאגְט אַז דִיא שָׂרִים וָואס דוּא הָאסְט זֵייא לִיבֶּער אוּנ זֶענֶען בַּייא דִיר חָשׁוּבֶר פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע שָׂרִים הָאבִּין דָאס גִיטוּעֶן. וִויא דֶער מלך הָאט דָאס גִיהֶערְט הָאט עֶר גְרוֹיס עָגְמַת נֶפֶשׁ גִיהַאט אוּנ הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶס אִיז שֶׁקֶר, מֵיינֶע שָׂרִים וֶועלִין דָאס נִיט טוּעֶן. הָאבִּין דִיא קֶנֶעכְט גִיזָאגְט אדונינו המלך שִׁיק זֵייא רוּפֶען דֶען זֵייא הָאבִּין נָאךְ דִיא גַאנְצֶע גנבה בַּייא זִיךְ. הָאט דֶער מלך גִיהֵייסִין מֶען זָאל זֵייא רוּפֶען.

צְווִישֶׁען זֵייא אוּנ צְווִישֶׁען דֶעם מלך אִיז אָבֶּער גִיוֶועזִין אַיין וַואסֶער, הָאט מֶען תֵּיכֶף נָאךְ זֵייא גִישִׁיקְט אַיין שִׁיף, דָאס זֵייא זָאלִין תֵּיכֶף וּמִיד פַאר דֶעם מלך קוּמֶען.

אָבֶּער דֶער מלך מחמת גְרוֹיס אהבה וָואס עֶר הָאט זֵייא גִיהַאט, הָאט בְּיִשׁוּבִיר גִישִׁיקְט אֵיינֶעם פוּן זֵיינֶע קְנֶעכְט אוּנ הָאט זֵייא בֶּעפוֹילֶען אוּנ גִיבֶּעטִין

זייא זאלין. איבער דעם וועג דיא גאנצע גנבה אין וואסער אריין ווארפין, כדי אז זייא וועלין פאר אידם קומען זאל מען ביי זייא גאר ניט געפונען, וועט ער זייא קענען מציל זיין פון דעם טויט.

דיא קלוגע האבין אויף זייער לעבין מעהר רחמנות גיהאט וויא אויף דיא פיינע זאכין אונ האבין מאקי אלדונג אין וואסער אריין גיווארפין. איינער איז אבער גיוועזין איין שוטה אונ עס האט אידם באנג גיטוהן אזעלכע פיינע זאכין אוועק צו ווארפין האט ער זייא בעהאלטען.

וויא זייא זענין פאר דעם מלך גיקומען, האט מען ביי זייא אלע גיזוכט, אונ מען האט אבער ביי זייא גאר ניט געפונען, חוץ ביי דעם איינעם וואס עס איז אידם גיוועזין איין שאד אוועק צו ווארפין. דאס האט דעם מלך זעהר פר דראסין, אונ האט אים גיפרעגט פאר וואס האסט דוא אויך ניט אזו גיטוהן וויא דיינע חברים, האט ער אידם גאר ניט גיקענט ענטפערין: האט דער מלך צו אידם גיזאגט, דיא אנדערע עבירה איז נאך גרעסער וויא דיא ערשטע, ווארום צום ערשטין האב איך גיטראכט דער יצר הרע האט דיך פאר פיהרט אונ האט דיך אן גירעט צו גנבנן, אצונד אבער אז איך האב דיר איין עצה גיגעבין אז דוא זאלסט דיך מציל זיין פון דעם טויט אונ דוא האסט גיזעהן אז דיינע אלע חברים האבין דיא גנבה אוועק גיווארפין, פאר וואס האסט דוא מיך ניט גיפאלגט, כדי דוא זאלסט דיך מציל זיין, אצונד זעהע איך, אז דוא ביזט מיינע רייד מבזה אונ האסט גאר קיין חרטה ניט גיהאט אויף דיין שלעכטע מעשה, וועל איך דיר צאלין אזו וויא דוא האסט פאר דינט, אונ האט אידם גיהייסין אום ברענגין מיט יסורים, אבער דיינע חברים האט דער מלך גיגעבין מתנות אונ האט זייא אהיים גישיקט בשמחה ובטוב לב.

דאס נמשל איז, דעם מלך מיינט מען גאט ברוך הוא דעם מלך מלכי המלכים, דיא שרים זענין דיא יודען וואס זייא זענין ביי השי"ת חשובר פון אלע אנדערע בריאים אויף דער וועלט אפילו פון מלאכים אין הימעל. דער אוצר איז דיא הייליגע תורה וואס ער האט יודען גיגעבין, אונ זייא בגנבנן אונ פאר דארבין חס ושלום דעם אוצר אונ זענין עובר אויף דיא מצות התורה. גייט דער שטן אונ דיא מקטריגים אונ זאגין צו השי"ת דיינע יודען וואס זענין ביי דיר דיא חשובים אונ דיא טייערסטע אויף דער וועלט. האבין דיין אוצר פאר דארבין. איז השי"ת איין מליץ טוב פאר זייא אונ זאגט ח"ו יודען האבין דאס ניט גיטוהן, ווארום אז זייא זינדיגען אפילו ח"ו איז נור דורך עול גלות אדער דאגות פרנסה. זאגט דער שטן רבונו של עולם שיק זייא רופען, זייא האבין דיא עבירות נאך ביי זיך. נון הייסט השי"ת אזו טוהן, אונ מחמת אהבת ישראל שיקט השי"ת גישווינד איין נביא אדער איין חכם איין מוכיח אונ בעט פון נאמט הערין, אז מען זאל תשובה טוהן אונ דיא עבירות אוועק צו ווארפין ניט צו קוקען אויף דיא הבלי העולם אונ רחמנות צו האבין אויף דיין נפש אונ זיך מציל צו זיין פון דעם טויט אונ פון יסורים.

דער קלוגער הערט אונ פאלגט אונ ווארפט אוועק אלע הבלי העולם אונ אלע תענוגים מיט שמחה, אונ קומט פאר דעם מלך ריין, מען גיפונט ביי איהם גאר נים, האט השי׳ גרוים תענוג אונ דער שטן ווערט פאר שעמט אונ דער מענטש גייט אהיים פריילך אונ לוסטיג. דער שוטה אבער איהם טוט באנג אוועק צו ווארפין דיא חבלי העולם אונ קומט פאר השי׳ מלא עבירות. דאס פאר דריסט זעהר השי׳ כביכול אונ זאגט צו איהם, דיא אנדרע עבירה איז נאך גרעסער וויא דיא ערשטע, ווארום צום ערשטין האט דיך דער יצר הרע אן גירעט, אונ אצונד אז איך האב דיך גיבעטין דוא זאלסט תשובה טוען אונ דיא נארישקייטין אוועק צו ווארפין אונ דוא האסט מיך ניט גיפאלגט, ווערט איהם אז דוא ביזט חם ושלום מיך מבזה אונ קוקסט נים אויף מיינע רייד, ווערט ער גישטראפט מיט יסורים בגוף ובנפש.

אצונד קינדער, דעם משל איז מעהר צו פאר שטיין וויא איך האב דא גישריבען, לכן זאל יעדער דאס משל תמיד אין זין האבין, ווערט ער דארפין אלע מאל נייע גידאנקין צו האבין וואס וועלין איהם פירען צום גוטען, (והשם יתברך ידריך אותנו) אונ גאט ברוך הוא זאל אונז מאכין טרעטין (בארחות יושר) אין גלייכע וועגין, אונ זאל אונז אפ היטען פון אלעם שלעכטין, אונ ער זאל אונז העלפין דאס מיר זאלין איהם דינען (בלב שלם) מיט דעם גאנצין הארץ אמן ואמן.

## כו) שער הלכות שבת.

דער מענשקער אימער צוא זעהן ער זאל געווארענט זיין שבת ערליך צוא האלטען ווען עס טרעפט זיך עפעס צוא קויפען אונ עס איז אזוי איין זאך וואס גוט איז אויף שבת חאטשי עס איז ערשט זונטאג זאל ער זעהן צוא קויפען אונ זאל זאגען איך וויל דאס קויפען לכבוד שבת אונ דער מענש זאל זיך נישט שעהמען אונ זאל זעלבערט מהוען וואס לכבוד שבת איז, וויא דיא תנאים האבען זיך זעלבערט בעמיהט פון שבת וועגען, וויא דיא גמרא זאגט, רבה האט זיך אנידער געזעטצט אויף אשטיהל וואס איז געמאכט אוים העלפאנט ביין ווארום ער איז אגרויסער עושר געוועזן אונ האט זעלבערט דאס פייער אויף געבלאזען וואס מען האט אן געליינט פון שבת וועגען, אויך רב ענן האט זיך אן געטוען איין

שטורץ

שְׁוואַרְץ קְלֵייד כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט אַיינְרֶעכְטֶן זִיךְ דִי גוּטֶע קְלֵיידֶער אוּנ הָאט זִיךְ אַלְץ גֶעטְהוּעֶן וָואס מֶען בְּרוֹיכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, רַב סַפְרָא הָאט אָפְּגֶעזֶענְגְט אַקָאפּ פוּן אַבְהֵמָה לְכָבוֹד שַׁבָּת, רַבָּה הָט זֶעלְבֶּערְט פִישׁ גֶעזַאלְצֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת, רַבִּי יוֹסִי הָאט גֶעשְׁפָּאלְטִין דִין הָאלְץ אַז דָאס פַייעֶר זָאל גֶעךְ בְּרֶענֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּנ הָבֶּן גֶעזָאגְט וְויא זָאל מֶען זִיךְ נִיט בֶּעמִיהֶען פוּן שַׁבָּת וֶועגֶן, וֶוען אוּנְז הֶעט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען גוּטֶע אוּנ חֲשׁוּבֶע גֶעסְט הֶעטֶען מִיר זִיךְ זֶעלְבֶּערְט בֶּעמִיהְט פוּן זַייעֶרְט וֶועגֶען אִיז דָען אַבֶּעסֶערֶער גַאסְט פַּארְהַאנְדֶען וְויא שַׁבָּת אִיז, וְויא זָאל זִיךְ דֶער בַּעַל הַבַּיִת נִישְׁט פְרֵייעֶן צוּ טוּעֶן לְכָבוֹד שַׁבָּת עֶר אִיז דָאךְ אַהִיפְשֶׁער גַאסְט:

נַם יִזָּהֵר. אוֹיךְ קֶער דֶער מֶענְשׁ גֶעוָוארֶענְט צוּא זַיין עֶר זָאל אִים עֶרֶב שַׁבָּת וֶוייניגֶער עֶסֶען וְויא אַיין אַנְדֶערְט מָאהְל, כְּדֵי עֶר זָאל הוּנְגֶערִיג זַיין צוּא עֶסֶען אוֹיף דֶער נַאכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוֹיךְ קֶער מֶען קַיין מְלָאכָה טוּעֶן עֶרֶב שַׁבָּת נָאךְ מִיטָאג:

אִין דֶער גְמָרָא שַׁבָּת שְׁטֵייט עֶס הֶט אַיינֶער גֶעהֵייסֶען יוֹסֵף מוֹקִיר שַׁבְּתָא דָאס אִיז טַייטְשׁ דֶער יוֹסֵף וָואס הָאט אִימֶער עֶרְלִיךְ שַׁבָּת גֶעהַאלְטֶען אוּנ אִין זַיין גַאס וְויא דֶער רַבִּי יוֹסֵף הָט גֶעוואָנְט הָאט דָארְט אוֹיךְ גֶעוואָנְט אַגוֹי דֶער הָאט פִיעל גֶעלְד גֶעהַאט זַיין אַיינֶענֶם דָא הָאבֶּען פִיעל כִּישׁוּף מַאכֶערְס גֶעזָאגְט צוּ דֶעם גוֹי דוּ זָאלְסְט וְויסִין דֶער רַבִּי יוֹסֵף וָואס דוּא וואוֹנְסְט מִיט אִיהְם אִין אַיין גַאס דֶער וֶועט דַיין גַאנְץ גֶעלְד בֶּעקוּמֶען דָא הָאט דֶער גוֹי פַאר קוֹיפְט זַיין גַאנְץ פַארְמֶעגֶען אוּנ הָאט זִיךְ דֶער פַאר גֶעקוֹיפְט אַיין גְרוֹיסֶען דִימַאנְט וָואס הָאט אַגְרוֹיסֶען שַׁאץ גֶעהַאט, דָא הָאט עֶר דָאךְ גֶעטְרַאכְט וְוי עֶר זָאל דֶעם דִימַאנְד בֶּעוָוארֶענֶען עֶס זָאל נִיט קָאנֶען קוּמֶען דֶעם רַבִּי יוֹסֵף אִין דִי הֶענְד אַרַיין דָא הָאט עֶר דֶעם דִימַאנְד אָן גֶענֵייט אִין זַיין הִיטֶעל דֶער נָאךְ הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַז דֶער גוֹי אִיז גֶעפָארֶען אִין אַשִׁיף אִיבֶּער אַגְרוֹיס וַואסֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַגְרוֹיסֶער וְוינְד אוּנ הָאט זַיין הִיטֶעל פוּן קָאפּ אַרָאפּ גֶעוָוארְפֶען אִין וַואסֶער אַרַיין אוּנ אִין דֶעם וַואסֶער הָאט אַגְרוֹיסֶער

פיש איינגעשלונגען דאס היטעל מיט דעם דימאנד דער נאך זענן געגאנגען דיא פישערס אונ האבען גראד געפאנגען דעם פיש ווס האט דאס היטעל מיט דעם דימאנד איינגעשלונגען דא האבען זיי גיבראכט אין שטאט אריין אן פרייטאג דא האבין זיי דעם פיש געטראגען צו דעם רבי יוסף אונ דר רבי יוסף האט גיקויפט דעם פיש אונ הט איהם גיעפינט האט ער גיפינען דרינען דם היטעל מיט דעם היפשען דימאנט דא האט ער דעם דימאנט פארקויפט אגרוסין עושר פאר גרוים געלט דא האט ער זיך משמח גיוועזין ווס ער איז אזא גרוסר עושר גיווארען. מיר האבין גילערינט אין דער גמרא סנהדרין דער טורנוסרופוס האט גיפרעגט דעם רבי עקיבא וואס איז דא בייא איך דער מעהר וואס עטין האלט אזו ערליך דעם שבת מעהר וויא אלע טאג דא ענפערט אים דר רבי עקיבא זאג דו מיר פאר וואס ביסטו אזו איין גרוסר הער אונ פיל לייט זענין ניט זעלבע הערין ווי דו, דא ענפערט דר טורנוסרופוס ווייל גאט האט גוזר גיוועזין אז איך זאל איין הער זיין אונ די אנדערי נישט דא שפראך דער רבי עקיבא שבת האט אויך גאט גוזר גיוועזין אונ דאס איז. אן גישריבען אין דער תורה אז דער זיבעטער טאג איז שבת אונ מיר זאלין איהם ערליך האלטין, דא שפראך דר רשע ניין איך פרעג דיך אזו ווער זאגט דם איז שבת וואס עטין מאכט פיליכט איז איין אנדערער טאג שבת דא ענפערט רבי עקיבא איך וויל דיר איין צייכין ווייזן דער באך סמבטיון ווארפט איין גאנצע וואך מיט שטיינר אונ דאס וואסער שרייאט אונ רוישט דא קאן מען איבער דעם וואסער ניט אריבר פארען אונ ווי עס קומט פרייטאג נאך מיטאג דא שטעלט זיך דאס וואסער אונ בלייבט שטיין גאנץ שטיל דא קענין דיא לייט אריבער פארין דאס איז איין צייכין, דער אנדערער צייכין איז מען קאן אן זעהן אן דיא מכשפים דען זייא קענין איין מת אויס דעם קבר ארויף ברענגין מיט כישוף אבער אן שבת קענין זיי דם ניט בווייזען, דער דריטער צייכין איז וואס מען קאן אן זעהן אן דיין

פאטערס

פָּאטֶערְם קֶבֶר דֶען אַגַאנְצֶע וָואךְ גֵייט אַרוֹיס אוֹיס דַיין פָּאטֶערְם קֶבֶר אַגְרוֹסֶר רוֹיךְ וָואס מֶען אִיז אִים דַן אִין גֵיהִנָם אָבֶּער וִויא עֶס קוּמְט שַׁבָּת גֵייט שׁוֹין קֵיין רוֹיךְ נִיט אַרוֹיס אוֹיס זַיין קֶבֶר וָוארוּם שַׁבָּת אִיז מֶען נִיט דַן קֵיין רָשָׁע אִין גֵיהִנָם:

גְדוֹלָה שַׁבָּת. שַׁבָּת אִיז אַזוֹ גְרוֹיס בַּייא גָאט בָּרוּךְ הוּא אוּנ רוּפְט דֶעם טָאג מַתָּנָה טוֹבָה וִוי דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין מסכת שַׁבָּת אָמַר הקב"ה לְמשֶׁה גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ גֵייא צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל אִיךְ וִויל זֵייא עֶפִּיס גֶעבִּין אַיין גוּט גֶעשַׁאנְק וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין אוֹצָר אוּנ דִיא מַתָּנָה הֵייסְט שַׁבָּת בִּכֵן זָאג זֵייא אַז אִיךְ וִויל זֵייא מִיט דִיא מַתָּנָה מְכַבֵּד זַיין נִיא וָוען הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ הַאלְט שַׁבָּת פַר אַיין גוּטֶע מַתָּנָה קֶער מֶען דָאךְ אִים זֵייעֶר עֶרְלִיךְ צוּ הַאלְטֶן: לְמָשָׁל וָוען אַמֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אִין זַיין אוֹצָר אַיין מֶעכְטִיג פַּיין פִינְגֶערִיל וָואס עֶס אִיז בַּיי דֶעם מֶלֶךְ זֶעהְר חָשׁוּב גֶעוֶועזִין דֶער מֶלֶךְ הָט זֶעהְר לִיבּ גִיהַאט זַיין הוֹיפְּט מַאן דָא שְׁפְּרַאךְ דֶער מֶלֶךְ צוּ אִיהְם דָא שֶׁענְק אִיךְ דִיר דָאס פִינְגֶערִיל וָואס אִיךְ הָאבּ גִיהַאט אִין מַיין אוֹצָר נָאר דָאס בֶּעט אִיךְ דִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט פִילְיוֶוען עֶס זָאל אַזוֹ שֵׁיין בַּיי דִיר זַיין וִוי עֶס אִיז בַּיי מִיר גִיוֶועזִין זָאלְסְט עֶס נִיט לָאזִין בְּשְׁמוּצֶן דֶער הוֹיפְּט מַאן הָאט גֶענוּמֶן דָאס פִינְגֶערִיל אַהֵיים אוּנ הָאט דָאס פִינְגֶערְל גְלָאזְט אַרוּם וַואלְגֶרְן מֶען הָאט דְרוֹיף גִיטְרֶעטִין מִיט דִיא פִּיס בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר מִיאוּס גִיוָוארִין אַיין מָאל הָט זִיךְ גִיטְרָאפִין אַז דֶר מֶלֶךְ הָאט גֶעבְּרוֹיכְט עֶרְגִיץ צוּ גֵייאֶן דוּרךְ דֶעם שְׁלָאס וָואס דֶער הוֹיפְּטְמַאן אִיז גִיזֶעסִין דָא הָאט דֶר מֶלֶךְ דֶר זֶעהְן דָאס פִינְגֶערִיל וַואלְגִירְט זִיךְ אַרוּם אוֹיף דֶער עֶרְד דָא אִיז דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוָוארִין אוֹיף דֶעם שְׂרָרָה אוּנ הָט גִיקַנְסֶת דֶעם הוֹיפְּטְמַאן מִיט פִיל קְנָסִים, אַזוֹ אִיז אוֹיךְ וֶוער עֶס הַאלְט נִיט עֶרְלִיךְ שַׁבָּת וֶוערְט גִישְׁטְרָאפְט פוּן גָאט אוֹיךְ זָאגְט דִיא גְמָרָא וִויא חִילוּל שַׁבָּת אִיז אִין דֶעם הוֹיז אַזוֹ אִיז דָארְט חָלִילָה שְׂרֵיפוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן דְרוּם קֶער מֶען צוּ זֶעהְן אַז מֶען זָאל אַלְץ בַּאצַייטִינְס אָן גְרֵייטִין לִכְבוֹד שַׁבָּת וִויא דִיא

גמרא זאגט וויא עס קומט פרייטאג צו נאכט נאך שיהל דא קומען
צווייא מלאכים אין דער שטוב ארייך איינער איז איין מלאך טוב
אונ איינער איז איין מלאך רע אונ אז זייא זעהן עס איז אלץ אן
גיגרייט לכבוד שבת דא זאגט דר מלאך טוב אז עס זאל זיין דר
ווילען פאר גאט אז עס זאל איבער אכט טאג שבת אויך אזו זיין
אונ דר מלאך רע מוז מיט גיוואלד נאך זאגין אויף די ברכה פון
מלאך טוב אמן, ווען עס איז אבר ניט אזו אלץ גיטון לכבוד שבת
דא שעלט דר מלאך רע אונ זאגט וויא איך זעה אצינדערט אזו
זאל דעם אנדערין שבת אויך אזו זיין אונ דער מלאך טוב
מוז מיט גיוואלט אמן זאגין אויף דען שעלטין וואס דר מלאך רע
האט געשאלטען :

רבי אליעזר זאגט וואס מען טוהט לכבוד שבת נאר וייל גאט
האט גבאטען מען זאל שבת ערליך האלטען דא שיקט גאט
איין ברכה אין דער זאך אריין, איך האב אמאל לעכט אן גצינדן
לכבוד שבת האבען דיא לעכט גיברענט ביז איך האב זיא נאך
שבת ערשט פאר לאשען, אונ פון דיא לעכט איז נאר נישט אפ
גיברענט געווארען וואס דיא ברכה איז אריין געקומען אין דיא
לעכט אריין. אויך האבען אונזערי חכמים געזאגט אזגאט בענשט
דאס עסין פון שבת אז עס האט איין בעסערין טעם אלם אין דער
וואכען, דאס איז אלץ ווען ער האלט שבת וויא גאט הט געבאטן
דיא גמרא זאגט. רבינו הקדוש האט גימאכט איין סעודה
פאר דעם קייסר אנטנינוס אים שבת, האט ער פאר איהם אויף
גינעבין עסין פון שבת אבער עס איז שוין פאר קילט געווארען
האט ער דער פון אגרויסע הנאה גיהאט: דער נאך הט ער ווידר
איין סעודה געמאכט פאר דעם קייסר אין דער וואכען האט מען
איהם גינעבין ווארום עסין איז עס אים ניט זעהר געפעלען. דא
שפראך דער קייסר צו רבינו הקדוש וואס בעטייט עס דאס עסין
וואס איך האב בייא דיר גינעסין אים שבת איז קאלט גיוועזין אונ
עס איז דאך בעסר אין טעם געוועזין ווי היינט אין דער וואכען,

דָא זָאגְט רַבִּי עֲקִיבָא אִיךְ ווִיל דִיר זָאגֶען ווָאס דָאס בַּטֵייט, אִין דֶעם עֶסִין פוּן דֶער ווָאכֶען גֵייט אָפּ אֵיין גְוֶועֶרְץ דָאס גְוֶועֶרְץ הֵייסְט שַׁבָּת דָאס קָאן מֶען בַּייא דִיר נִיט קְרִיגֶן:

אוֹיךְ שְׁטֵייט וְויא דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיפְרֶעגְט דֶעם רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ ווָאס אִיז דָאס ווָאס אַייעֶר עֶסִין פוּן שַׁבָּת שְׁמֶעקְט אַזוֹ שֵׁיין. דָא עֶנְפֶערְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ מִיר הָאבֶען אֵיין גִיוֶועֶרְץ ווָאס עֶס הֵייסְט שַׁבָּת טוּהְן מִיר דָאס שַׁבָּת אַרֵיין, דָא שְׁפְּרַאךְ דֶער מֶלֶךְ צוּ דֶעם רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִיב מִיר אוֹיךְ פוּן דֶם גִיוֶועֶרְץ דָא שְׁפְּרַאךְ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ נֵיין דָאס גִיוֶועֶרְץ גִיט נָאר אֵיין גוּטֶען גֶעשְׁמַאק אַרֵיין בַּייא דִיא לַייט ווָאס הַאלְטֶען שַׁבָּת, אָבֶר בַּייא דִיא ווָאס הַאלְטֶען קֵיין שַׁבָּת נִיט הֶעלְפְט דָאס גִיוֶועֶרְץ גָאר נִישְׁט:

אוֹיךְ קֶער מֶען צוּ זֶעהְן אַז מֶען זָאל גִיוָוארֶעגְט זַיין לִיכְט אָן צִינְדֶן, ווִיא דִיא גְמָרָא זָאגְט ווֶער עֶס אִיז נִזְהָר אָן שַׁבָּת לִיכְט צוּ צִינְדֶען דָא קוּמֶען פוּן דֶעם אַרוֹיס זִיהְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים:

אוֹיךְ זָאל מֶען גֶעווָארֶעגְט זַיין מֶען זָאל נִישְׁט פִיעל רֵיידֶען אַם שַׁבָּת ווָאס נִישְׁט צוּ שַׁבָּת קֶער. ווִיא דִיא גְמָרָא זָאגְט אַז דִי מוּטֶער פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אַם שַׁבָּת מֶעהְר גֶערֶעט ווָאס עֶס הָאט נִישְׁט גֶעקֶערְט צוּא שַׁבָּת הָאט דֶער זוּהְן רַבִּי שִׁמְעוֹן צוּ אִיר גֶעזָאגְט מוּטֶער דוּ ווֵייסְט דָאךְ וואל אַז עֶס אִיז הַיינְט שַׁבָּת הָאט זִיא שׁוֹין אוֹיףְ גֶעהֶערְט צוּא שְׁמוּסֶען. אַדְעָה אִיז פֶערְהַאנֶדֶען אַז יְרוּשָׁלַיִם אִיז חָרוּב גֶעווָארֶען ווַייל מֶען הָאט דְרִינֶען מְחַלֵּל שַׁבָּת גֶעוֶועזִין, אָבֶער אַז מֶען הַאלְט רֶעכְט שַׁבָּת דָא שִׁיקְט גָאט אַבְּרָכָה דֶעם מֶענְשׁ. אִין זַיין הוֹיז אַרֵיין אוּנ אִין זַיין הָאבּ אוּנ גֶעלְד, ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער גְמָרָא, דֶער רַבִּי חִיָּיא הָאט גֶעהַאלְטֶען שַׁבָּת בַּייא אַבַּעַל הַבַּיִת אִין דֶער שְׁטָאט לוֹדְקִיָּא, הָאט מֶען פַאר אִיהְם אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אַגָאלְדֶענֶען טִישׁ. אוּנ אִיז אַזוֹ שְׁוֶוער גֶעוֶועזִין אַז זֶעכְצֶעהְן מֶענְשֶׁען הָאבֶען אִיהְם גֶעמוּזְט טְרָאגֶען, אוּנ זֶעכְצֶעהְן זִילְבֶּערְנֶע קֵייטֶען אִיז אָן גֶעשְׁלָאגֶען גֶעוֶועזֶען אָן דֶעם טִישׁ, ווָאס מֶען הָאט מִיט זֵייא אָן גֶענוּמֶען צוּא טְרָאגֶען דֶעם טִישׁ, אוּנ אוֹיף

דעם טיש איז געשטאנען שיסעל, אונ בעכער, אונ פלאשען, אונ גלעזער, אונ אלע מיני כלים וואס מען האט געברויכט צום טיש אונ מען האט דעם טיש אנידער געשטעלט האט מען אן געהובן צוא לויבען גאט אונ מען האט געזאגט, ליי הארץ ומלואה תבל ויושבי בה, דאס איז טייטש, צוא גאט איז דיא ערד מיט אלע איהרע דער פילונג, אונ גאר די וועלט מיט איהרע זיצערס, דס איזט אלעס ביא גאט אין דער האנד. אונ וויא עס איז געקומען נאך שבת, דא האט מען דעם טיש ווידער אוועק גענומען צוא בעהאלטען, האט מען ווידער אן געהובען גאט צוא לויבען מיט דעם פסוק, השמים שמים ליי, דאס איז טייטש די הימלען זענען צו גאט אונ די ערד אונ אלעס וואס דרויף איז האט ער געגעבען צו די מענשען איטליכען ווי ער פערדיענט זיך נאך זיינע מעשים נאך, דא האב איך דעם בעל הבית געפרעגט דורך וואס פר איין זכות האסט דו זוכה געוועזען צו אזו אגרום עשירות, הט ער מיר געענטפערט איך וועל אייך זאגען, איך בין אקצב געוועזען דיא בעסטע בהמות האב איך אלעס געהאלטען אויף שבת, האט זיך מיר דער נאך שענערע בהמות געטראפען האב איך דיא ערשטע געהאלטען אויף דער וואכען אונ האב ווידער די פעטערע גקויפט לכבוד שבת, האב איך אנגעהובען גאט צו לויבין אונ האב גזאגט געלויבט איז גאט ברוך הוא אז ער האט דיך מזכה געוועזען מיט
אזו אגרוים עשירות:

אויך זאגט די גמרא ווען די ישראל העטען נאר רעכט געהיט
צוויי שבתים ווי גאט האט געהייסען לשם שמים אונ לכבוד שבת העטען זיי באלד אויסגעלייזט געווארען אוים דעם ביטערען גלות, דאס קער זיך דער מענש נוט אין זין אריין צוא נעמען אז ער זאל רעכט שבת האלטען, ובפרט ניט אין זין צו האבען וואס פר אמלאכה ער דארף צו טוען אין דער וואכען:

עס איז אמאל אמעשה געשעהן אחסיד איז אמאל גגאנגען אם שבת פרזיין איינן פעלד הט ער גזעהן ווי אשטיק פלוט ווס ארום זיין פעלד

איז

איז גֶעווֶעזֶען פֶערְצוּיימְט איז אוים גֶעבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען, דָא הָאט ער אִין זַיין גֶעהַאט, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אִין דֶער וָואכֶען וֶועט עֶר ווִידֶער דָאס שְׁטִיק צוּים וָואס אִיז אוּים גֶעבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען צוּא פַאר ריכְטֶען, וָוארוּם עֶס אִיז דְרִיבֶּער פִּיעל שָׁאדֶען אִין פֶעלְד גֶעווֶעזֶען, וָוארוּם אַלֶע בְּהֵמוֹת זֶענֶען דוּרְךְ דֶעם לָאךְ אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאבֶען שָׁאדֶען גֶעטְהוּעֶן, וְויא דֶער חָסִיד אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען דָא הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶועזֶען אַז עֶר הָאט נִיט רֶעכְט גֶעטְהוּעֶן וָואס עֶר הָאט אִין זַיין גֶעהַאט צוּא פַאר רֶעכְטֶען אִין דֶער וָואכֶען, דָא הָאט עֶר אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען אַז עֶר זָאל שׁוֹין קֵיין מָאהְל דָאס נִישְׁט פֶערְצוּימֶען, פַאר דֶעם וַוייל עֶר הָאט אַם שַׁבָּת דָאס נוּר אִין זִין גֶעהַאט אַז עֶר זָאל לָאזֶען אַמְלָאכָה טְהוּעֶן, אִין דֶעם זְכוּת הָאט אִים גָאט אֵיין נֵס גֶעטוּהְן אִיז אַגְרוֹסֶער בּוֹים אַרוּם גִיוַואקְסֶען אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס דֶער פְּלוֹט אִיז אָפֶען גִיוֶועזִין אוּנ דֶער בּוֹים אִיז גִיוֶועזִין אֵיין צְלַף בּוֹים, אוּנ אוֹיף אֵיין צְלַף בּוֹים וַואקְסֶן וְויא פִּיל מָאל אִין יָאר פֵּירוֹת, דָא הָאט דֶער חָסִיד פוּן דיא פֵּירוֹת וָואס אוֹיף דֶעם בּוֹים הָט גֶעוַואקְסֶן גִיהַאט זַיין פַּרְנָסָה אַגַאנְץ יָאהְר פוּן דֶעם קָאן מֶען זֶעהְן ווִי גְרוֹים דֶער שְׂכַר אִיז פוּן דֶעם מֶענְשׁ וָואס הַאלְט שַׁבָּת עֶרְלִיךְ. צוּ עוֹלָם הַזֶה אוּנ צוּ עוֹלָם הַבָּא:

## יט) שער הלכות כיבוד אב ואם.

**דיא** מִצְוָה מֶען זָאל עֶרְלִיךְ הַאלְטִין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹים דיא רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערְינְט דְרַיי זֶענִין אִין אֵיין חֶבְרוּתָה אַז דֶר מֶענְשׁ זָאל בַּשַׁאפֶען וֶוערִין גָאט בָּרוּךְ הוּא אוּנ פָאטֶער אוּנ מוּטֶער, פוּן פָאטֶער אוּנ מוּטֶר וֶוערְט בַּשַׁאפֶען דֶער גוּף, אוּנ גָאט גִיט אִין דֶעם אַלֶעם אַרַיין אַנְשָׁמָה אוּנ דָם לִיכְט פוּן דיא אוֹגִין אוּנ דָם הֶערִין פוּן דֶעם אוֹיעֶר אוּנ דָם רֶעדִין אוּנ דֶער בַּאנְג אוּנ דֶעם שֵׂכֶל אוּנ אַז עֶס קוּמְט דיא צַייט אַז דֶער מֶענְשׁ זָאל שְׁטַארְבֶּען נֶעמְט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זַיין חֵלֶק אַוֶועק אוּנ דִי צְווֵיי חֲלָקִים פוּן פָאטֶר אוּנ מוּטֶער בְּלַייבֶּן לִיגֶן ווִי אַשְׁטִיק לֵיים מְמֵילָא וֶוען עֶס אִיז יוּא

אײן חברותה מיט גאט מוז מען דאך פאטער אונ מוטער אזו ערליך האלטען ווי גאט ברוך הוא אונ אין דר צייט אז מען האלט פאטער אונ מוטער ערליך זאגט גאט דא וואהן איך צווישען זיי אבער אז מען האלט פאטער אונ מוטער ניט ערליך זאגט גאט וויא קאן איך מיט זיי וואנען ווען איך זעה מען האלט זיין חברותה ניט ערליך דא טרעט גאט פון זיי אפ אונ וויל ניט זיין מיט זיי: דיא גמרא פרעגט ביז ווי ווייט איז מען שולדיג כבוד אן צו טאן

פאטער אונ מוטער האט דער תנא עולא געזאגט לאזען מיר גיין זעהן ווי איין גוי האט אן געטוהן כבוד אן זיין פאטר וועלין מיר פר שטיין ווי מיר ברויכען צו טוהן דען עס האט זיך אמאהל געטראפען אין דער שטאט אשקלון האט געוואונט איין גוי האט ער גיהייסען דמא בן נתינא האבין דיא חכמים אמאל געוואלט ביי איהם קויפען שטיינער צום אפוד וואס דער כהן גדול איז דריגען געגאנגען ווי דיא חכמים זענין געקומען צו אים האבען זיי איהם געוואלט געבין פיל מאל הונדערט טויזענד גולדען רווחים פון דיא שטיינער ווי ער האט גינעבין, האט ער געזאגט צו זיי איך העט אייך גערין פר קויפט נאר איך קאן אצונד דס ניט טוהן ווארום דיא שליסעל פון דעם חדר ווי דיא שטיינער ליגען איז אין בעט ביי מיין פאטער צו קאפען אונ ער שלאפט גראד אצונד דרויף ניא ווי קאן איך מיין פאטער אויף וועקין דא האבין דיא חכמים מוסען אוועק גיין אונ האבען געקויפט ערגיץ אנדרש, ווי עס איז געקומען איבער איאר אזו איז געבארען געווארען צווישען זיינע בהמות איין פרה אדומה דא זענין דיא חכמים צו אים געגאנגען קויפען דיא פרה אדומה ווי דיא חכמים זענין אריין געקומען צו אים דא זאגט ער צו זיי איך ווייס וואל נאך וואס עטץ זענט געקומען עטץ ווילט ביי מיר דיא פרה אדומה קויפען אונ איך ווייס פר גווים ווען איך וויל וועלין האבין ביי אייך גאנץ פיל געלד וועט עטץ מיר געבין דער פר נאר איך וויל דס ניט טוהן נאר עטץ זאלט מיר געבין אזו פיל געלד דער פאר וויא פיל איך

האב

האָב אָן געוואָרען אָן דיא אֲבָנִים טוֹבוֹת וָוס עֶמְץ הָט וֶועלִין בַּיי
מִיר קױפֶען פַר אַיָאר הָאָב אִיךְ נִיט גִיקֶענְט דֶר ווידֶר זַיין מַיין
פָאטֶערְס כָּבוֹד וָוס עֶר הָט גֶעשְׁלָאפֶען אויף דִיא שְׁלִיסֶל הַיינְט
ווייל אִיךְ הָאבִּין אַז עֶמְץ זָאלְט מִיר דָאס גֶעלְט גֶעבִּין פַאר דִי
פָּרָה אֲדוּמָה הַיינְט לָאזִין מִיר זֶעהְן דִי גוֹיִם זֶענִין נִיט גֶעבָּאטֶען
גְ וָוארֶען אויף כִּיבּוּד אָב וָאֵם אוּנ הַאלְטֶען אַזוֹ בְּכָבוֹד פָאטֶער
אוּנ מוּטֶער מִכָּל שֶׁכֵּן מִיר זֶענִין דָאךְ גֶעבָּאטֶען גֶעוָוארֶען אויף
כִּיבּוּד אָב וָאֵם וִויא קֶערִין מִיר נָאךְ עֶרְלִיךְ צוּ הַאלְטֶען פָאטֶער
אוּנ מוּטֶער אוּנ ווידֶער וֶוען הקב"ה הָאט דֶעם גוֹי אַזוֹ אַיין שָׂכָר
גִיגֶעבִּין דֶער פַאר וִויא וֶועט עֶר נָאךְ אוּנְז צָאלֶען פַאר אַיין גְרוֹסִין
שָׂכָר וָואס מִיר זֶענִין גֶעבָּאטֶען גֶעוָוארֶען אויף דֶער מִצְוָה:
אַמָאל אִיז דֶער גוֹי גִיזֶעסִין צְווִישֶׁען דִיא גְרוֹסִי הֶערִין פוּן רוֹים
אִיז גֶעקוּמֶען זַיין מוּטֶער אוּנ הָאט אִיהְם מְבַיֵּישׁ גִיוֶועזִין
פַאר אַלֶע עֶלְצְטִי אוּנ הָאט אִיהְם גֶעשְׁלָאגֶען אִין קָאפּ אַריין אוּנ
הָט אִיהְם אִין פָּנִים אַריין גֶעשְׁפִּיגֶען אוּנ דָאס קְלֵייד אָפּ גְרִיסֶען
פוּן זַיין לַייבּ אַרָאפּ אוּנ עֶר הָאט זִיא נִיט וֶועלִין מְבַיֵּישׁ זַיין אוּנ
עֶר הָאט אִיהְר אַיין וָוארְט נִיט גִירֶעט: מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט דֶעם
רַבִּי אֱלִיעֶזֶר וִויא ווייט גֵייט דֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאגְט רַבִּי
אֱלִיעֶזֶר וֶוען דֶר פָאטֶער אָדֶער דִיא מוּטֶער נֶעמִין בַּייא זֵייעֶר זוּהְן
אַוֶועק אַיין בַּייטֶעל פִיל מִיט גֶעלְד אוּנ ווַארְפֶען פַאר זַיינֶע אוֹיגֶען
אִין יַם אַריין אוּנ דֶער זוּהְן רֶעט נִישְׁט אַקֶעגִין אוּנ אִיז זֵיי נִיט
מְבַיֵּישׁ דָאס הַייסְט מְכַבֵּד גֶעוֶועזִין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אָבֶּער מֶען
מוּז ווִיסֶען וֶוען מֶען הַאלְט פָאטֶער אוּנ מוּטֶער עֶרְלִיךְ אַז מֶען
זָאל זִיךְ דֶער מִיט נִיט פַאר זִינְדִיגֶען. וָוארֶען אַמָאל גִיט אַיינֶער
זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער צוּא עֶסִין גוּטֶע גִישְׁטָאפְּטֶע עוֹפוֹת אוּנ
עֶרְט אָן עוֹלָם הַבָּא אוּנ אַמָאל לָאזְט אַיינֶער זַיין פָאטֶער אִין
דֶר מִיל אַרְבֵּייטֶן אוּנ אִיז דֶר פַאר זוֹכֶה לְעוֹלָם הַבָּא אַזוֹ ווִי עֶס אִיז
אַמָאל אַיין מַעֲשֶׂה גֶעוֶועזִין עֶס הָאט אַיינֶער מְפַרְנֵס גֶעוֶועזִין זַיין
פָאטֶר מִיט אַלֶעם גוּטְן דָא שְׁפְּרַאךְ דֶר פָאטֶר צוּם זוּן מַיין לִיבּ קִינְד דוּ

פיהרסט דיך זייער גרוים, ווייז מיר וויא דו קאנסט דם אוים שטיין דא שפראך דער זוהן צום פאטר דו אלטר ווס פרעגסטו איך גיב דיר צו עסין עס פאר דיר אונ שווייג שטיל ווען מען גיט אהינט צו עסין שווייגט ער אויך שטיל: דא זאל מאן זעהן ער הט פאטר אונ מוטר זייער שיין געגעבין צו עסין אונ האט דאך אן געווארען עולם הבא, אונ אמאל הט זיך גיטראפין עס הט דר שררה געשיקט צו איין אלטען מאן זאל גיין אין שלאם אריין ארבייטן אונ פירען מיסט אונ ערד צו שיטן דעם שלאם אונ דר מאן הט גיהאט איין זוהן הט ער גיארבייט אין דר מיהל דא איז גקומן דר זוהן צו לופין צום אלטן פאטר אונ שפראך צו אים מיין ליבר פאטר דו ביסט איין אלטר מאן דיא ארבייט אין שלאם איז אויף דיר גאנץ שווער בכן גייא דו ליבר אין מיהל אריין אונ ארבייט פאר מיר אין מיהל אונ איך וויל ליבער גיין. אין שלאם אריין ארבייטן פאר דיר, לאזין מיר זעהן דער זוהן הט דעם פאטר לאזין ארבייטן אין מיהל אונ הט דאך בקומן גן עדן דר פר ווייל ער הט דעם פאטר מיט גוטע ליבליכע רייד צו גענומן אונ הט דם געטוהן לטובה דעם פאטער צו ליב, אונ דער אנדערער הט דאס בעסטע שפייז דעם פאטער געגעבין אונ הט דאס גיהנם דער פאר בקומן:

רבי טרפון הט גיהאט איין אלטע מוטר ווען זי איז גיגאנגין זיך לייגין אין בעט אריין דא האט זיך דער רבי טרפון אנידער געלייגט אויף דער ערד כדי די מוטר זאל שטייגן אויף אים ארויף אין בעט אריין דא האבן זיינע חבירים גיזאגט דו טוסט נאך נית קיין האלב כבוד אן ווי מען גיהער פאטר אונ מוטר אן צו טוהן: רבי יוסי אז ער הט גיהערט דם קול פון דיא מוטר אז זי קומט איז ער אויף גישטאנין אונ הט נית וועלין זיצן פר איר. אונ הט גיזאגט לאם איך אויף שטיין פר דער שכינה:

## כט) שער הלכות צדקה

ווער עס איז איין עושר איז ער מחויב צו געבין צדקה. נאך זיין

פארמעגין

פארמעגין אמרו מען הט געזאגט אויף דעם רבי טרפון אז ער איז אגרוסער עושר געוועזין אונ האט ניט אזו פיל צדקה גיגעבין נאך זיין עשירות נאך דא איז געקומען רבי עקיבא צו אים אונ הט געזאגט ווילסטו דיר קופין דערפר זאגט רבי טרפון יוא איך וויל קופין, אונ הט דעם רבי עקיבא אין די האנד ארייין גיגעבין טויזנד דוקאטן דא נעמט דר רבי עקיבא דם געלט אונ צו טיילט אשליש הט ער געגעבן די עניים אונ צוויי חלקים הט ער געטיילט צו די תלמידי חכמים אונ דער נאך האט דער רבי טרפון געטראפען דעם רבי עקיבא אונ פרעגט איהם האסט דו מיר עפעס אגוטע שטאט געקויפט, זאגט ער עס קען בעסער ניט זיין אויף דער וועלט, דא זאגט ער צו אים קום ווייז מיר לאז מיך זעהן דא הט ער אים אנגענומען ביי דר האנד אונ פירט אים אין בית המדרש ארייין אונ נעמט אספר תהלים בייא אקינד אוים דער האנד ארויס אונ מישט אויף דעם פסוק פיזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד דאס איז טייטש דר וואס האט פערשפרייט זיין געלד צווישען ארעמע לייט דעם וועט דער שכר אייבעג בלייבין דא שפראך רבי טרפון וואס האסט דו מיין געלד אוועק געגעבען דא שפראך רבי עקיבא ווייסט דו דען נישט וויא עס איז דער גאנגען מיט נקדימון בן גוריון וואס ער הט פיל צדקה געגעבן ווי ער איז געגאנגען פון דר היים אין בית המדרש ארייין הט מען אונטער געשפרייט זיידענע פאלסטערן אז ער זאל ניט גיין אויף די בלוסע ערד אונ דא זענען נאך געגאנגען עניים ווי ער איז אראפ געגאנגן פון איטליכער פאלסטער האבען דיא עניים אוועק גנומען די פאלסטרן דם הייסט דאך פיל צדקה געגעבן דאך ניט נאך זיין עשירות נאך איז ער געשטראפט געווארן אונ זיין געלד איז צו נישט געקומען אונ די קינדר זענען גרוסע אריכע לייט געווארן דרום הב איך מיך געפארכטן אז עס זאל דיר חלילה אוך ניט אזו אוים גיין דרום הב איך דיר נישט גיזאלט זאגן ווס איך וועל מיט דיין געלד טוען דא שפראך דר רבי טרפון ווארום האסט דו מיר ניט געזאגט העט

איך

איך דיר געגעבן געלד אויף צדקה, דא שפראך ער דאס איז אלץ איין טועו דם געלד איז דאך דיין געלד דר שכר בעולם הבא איז דיין נור איך הב אוך געוואלט אשכר הבן וייל איך הב דיך געבראכט דר צו אז דו זאלסט צדקה געבן דם שאט דיר ניט דא זעהט מען דר ווס גיבט ניט צדקה נאך זיין עשירות נאך ווערט געשטראפט:

מעשה רבי יוחנן הט געזעהן אין חלום אז זיינע שוועסטרס קינדער וועלן דם יאהר אן ווערן זיבן הונדרט גולדען דרום הט ער בייא זיי אוועק גנומן אויף צדקה זיבן הונדרט גולדן ווי עס איז אן געקומן אן ערב יום כפור הט מען זיי געפאנגן צום מלך דא הבן זיי זיך זעהר דר שראקן דא איז דר רבי יוחנן צו זיי געגאנגין אונ הט זיי געזאגט שרעקט ניט דם וועט אייך ניט מער קאסטן נור זיבצען גולדן אונ הט זיי דר ציילט פון דעם חלום היינט האבן זיי געגעבן זיבן הונדרט גולדן אן זיבצען דא וועט עטץ נור דם אן ווערן ווס עטץ הט ניט צו דער צדקה געגעבן וועט עטץ מוזן דעם גוי אוועק געבן דא שפראכן זיי ווארום הט איר אונז ניט געזאגט פון דעם חלום העטן מיר אייך נאך זיבצען גולדן ליבר געגעבן אין דר צדקה אריין איי מיר זאלן געבן דעם גוי דא שפראך רבי יוחנן ווען איך העט אייך דם געזאגט העט אייער מצוה ניט אזו גרוס געוועזן ווארום עטץ העט געגעבן דם געלד נישט לשם שמים נור עטץ העט געגעבן פון דעסט וועגן עטץ זאלט ניט דארפן דעם גוי צו געבן העט די מצוה נישט אזו גרוס געוועזן אבר היינט אז איך הב אייך ניט געזאגט איז די מצוה גרעסר דרום קער מען צו זעהן תמיד צדקה צו געבן ובאם לאו קומט דם געלד חלילה אין גוימס הענד אריין אונ דם געלד הט קיין קיום ניט אבר אז דר מענש וועט זיך פאר נעמן צו געבן לשם שמים דא וועט דט געלד אקיום האבן ביי זיינע קינדר אונ קינדס קינדר, אונ בעולם הבא הט ער איין בעזונדרן שכר אין גן עדן בזכות זה וועלן מיר זוכה זיין צו דר גאולה במהרה בימינו אמן:

תם ונשלם